שנה ד'
נומער קנ"ג
**פרשת וישב**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל

א מעשה פון תפילה:

## געטראפן די ריגעל מיט תפילה

א שיחה פון דער ראש ישיבה:

## וואס איז געווען מיין גאנצע שייכות מיט מוהרא"ש?

נאך וועם הייס איך:

## אדל בת הבעל שם טוב הקדוש זי"ע




### בריוו פון לייענער
די וויכטיגקייט פון גיין מיט א רעפלעקטער
3


### צום פינטל
אראפ פון זון'ען
4



### שטעטל נייעס
קביעת מזוזה ביים נייעם בנין התלמוד תורה
13


### היכל הקודש נייעס
בית המדרש היכל הקודש בית שמש אפען אלע תפילות
14



### מיט א טיפערן בליק
אונזערע העלדן
10



### קינדער אפטיילונג
הערליכע אפטיילונג פאר קינדער לכבוד חנוכה
27



# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, אברהם הערש וועבערמאן, אברהם יצחק אייזנער, יחזקאל שרגא שארף, שמואל בער שניטצלער

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## זמנים Liberty

וישב כ"ג כסליו תשפ"ג

הדלקת הנרות.........04:11
מוצאי שבת ............05:41

מנחה מעריב מקץ ... 05:25

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר א חשובע משפחה

**מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו**
**וזוגתו באשא הדס תחי'**

**צו די שידוך שליסן פון א טאכטער עב"ג החתן שלום בן מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 16 | 38°/27° | Rain/Snow |
| Sat 17 | 33°/21° | Cloudy |
| Sun 18 | 31°/18° | Mostly Cloudy |
| Mon 19 | 31°/15° | Partly Cloudy |
| Tue 20 | 30°/14° | Mostly Cloudy |
| Wed 21 | 30°/16° | Partly Cloudy |
| Thu 22 | 31°/16° | Snow Showers |
| Fri 23 | 31°/13° | Snow Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אלץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן ... 

# א לעכטיגן יום טוב חנוכה



## בריוו צו די
# רעדאקציע

### יצרם בדעת בבינה וב...השכל

אזוי שיין זענען זיינע ווערטער, איך באצווה מיך צום ארטיקל אונטערן אפטיילונג פון דמיונות, אזוי שיין אזוי רייך, און... מען זעט אויך אז מער פון וויפיל טינט ער האט ארויסגעגעבן פון זיין פעדער איז געבליבן אומגעזאגט, אזוי אמת'דיג די צושטעל פונעם קאווע וואס האט אלעס די זעלבע שטויב, דאס זעלבע קאליר, דאס זעלבע צוזאמענשטעל, און אפילו דער זעלבער טעם, אבער עס איז כגוף בלא נשמה, עס האט נישט די שטויס קראפט וואס דער קענפעינטעט קאווע האט אין זיך, די נמשל איז נאך סאך מער אמת פונעם משל, ווי מען זעט די פולע אפטיילונגען ביי כלל ישראל וואס אלע זענען אויס די זעלבע אבער עס פעלט די קאפין, די קאליר, טעם און ריח, אלעס איז די זעלבע.

זייער שיין האט ער געשריבן, ווען איך האב גערעדט מיט אים איבער זיין נאמען ישראל דוד העסקעל האט ער געזאגט אז דאס איז פשוט א טעות הדפוס, דער אונגערישער חאלאמאק, דער גוי האט געשטעמפלט זיין ייִדן ר' יחזקאל צו דעם אונגארישן חזקאל העסקעל, אבער יעצט אז איך זע זיינע שרייב ווערק, טראכט איך אז דאס איז נישט קיין פערצופאל "כי אם בזאת יתהלל המתהלל "השכל" וי"דוע אותי" דאס איז אונזער ר' ישראל דוד העסקעל וואס ער שרייבט דאך בדעת בבינה וב'השכל'.

א. מ. ש - קרית ברסלב ליבערטי

### די וויכטיגקייט פון גיין מיט א רעפלעקטער

איך בין די וואך געפארן אויף די גאסן אין שטעטל ווען עס איז שוין געווען טינקל אין גאס, איך פאר מיר אזוי רואיג, אינמיטן איז איינער געקומען צו פארן אויף די אנדערע זייט, איך האב מיר אביסל געריקט אין די זייט, אבער א סקונדע דערויף באמערק איך א מענטש שפאצירן אין די זייט, איך האב אין א אויגנבליק געגעבן א דריי אוועק די קאר נישט אריינצוקראכן אין אים, און עס האט געפעלט א האר איך זאל זיך צאמקראכן מיטן קאר וואס איז געקומען אנטקעגן איבער מיר.

ברוך השם די מעשה האט זיך גוט געענדיגט, אבער איך האב נאכדעם נאך געדארפט זיך בארואיגן פון דאס וואס איז פארגעקומען, די גאנצע מעשה האט טאקע נאר גענומען איין סעקונדע אבער עס האט מיר נאכאמאל געוויזן די וויכטיגקייט פון גיין מיט א רעפלעקטער ווען מען גייט אויפן גאס ביינאכט, און דער עיקר איז געדענקן צו לייגן די הענט אויף די מזוזה פאר מען גייט ארויס און בעטן דעם אייבערשטן מען זאל צוריק קומען געזונטערהייט

א תושב אין קרית ברסלב



# צום פינטל.

# אראפ פון זון'ען

עס טוט זיך יעצט א געפּערעכץ יעקב פארט קיין חרן, יעקב קומט צוריק פון חרן, עשיו קומט, עשיו גייט, ישמעאלים פארן קיין מצרים, יוסף נעבעך ווערט געפירט קיין מצרים, ס'טוט זיך א געפּערעכץ, בקיצור די גאנצע עולם פארט, נו אז יעדער פארט פאר איך אויך, נו וואו פארט מען, קודם פארט מען, מ'העט שוין זען וואו.

אבער זעט אויס אז איך בין ארויסגעפארן נישט אין די ריכטיגע צייט, גראדע די טרעפיק איז רואיג די צייט אין טאג, גאנץ ליידיג די הייוועיס, זעט אויס דער עולם איז צוריק ארבעטן פון קאוויווע"ד, אבער איך האב א צווייטע פראבלעם, ויזרח לו השמש, נו די מפרשים פרעגן שוין טאקע וכי לו בלבד זרח השמש, די זון האט **אים** אויפגעשיינט, נאר פאר אים האט די זון אויפגעשיינט? אבער ביי מיר איז עס טאקע געווען אזוי, די זון איז אריין מיט מיר אין א פריוואטע מערכה, די זון האט מיר נישט אויפגעהערט אויפצושיינען, איך פרוביר אראפרוקן דעם שטיקל צו בלאקירן די זון, אבער די זון קומט פונעם אנדערן זייט, רוק איך עס זייטוועגס, קומט מיר די זון פון פארענאויס... הקיצער איך גיי ממש אראפ פון זון'ען.

און מיין נישט, איך בין ווייט נישט פארטיג מיטן זון, איך קען ממש נישט דרייוון קיין טריט ווייטער, די זון הייבט זיך אן אפשפיגלען אויף די גלאנץ פון די שווארצע פעך, זעט אויס אז עס איז פארגאנגען א לייכטע רעגן פריער, בלויז פאר דעם איין איינציגן סיבה אז די זון זאל מיר קענען באשיינען די שמחה... עס שיינט, עס רייסט אין די אויגן איך ווער ממש בלינד, די אויגן זענען מיר יעצט שוין נאר זון, ווי איך קוק זע איך: זון... ארוך אנפין ד'זון... עס ווערט אזא קליינער זון אין די אויגן, נו! יא בלינק... מאך צו די אויגן די זון איז דיר אריין אין די אויגן... און צו מיינע צרות, פלוצלינג ווערן אלע קארס יעדע שטיקל ווי א שפיגל... ווי עס געפינט זיך נאר א שטיקל גלאנצעדיגע אייזן אויף א קאר, שיסט ער מיר זון אריין אין די אויגן אריין.

איך טראכט, ווי אזוי געבט מען זיך א עצה, וואס טוען טאקע די אלע טויזענטער קארס די אלע צענדליגער יארן וואס מען פארט. איך טראכט... איך קלער... אפשר איז דאס גאר די סיבה פארוואס די שטעגן זענען ליידיג אזא צייט אין טאג? יא? וועגן דעם? נאא! "ואין נסתר מחמתו" מען קען זיך פונעם זון נישט אויסבאהאלטן. דאס איז פשט אין פסוק? נאא! עס איז זיכער דא עפעס א וועג.

בקיצור, יעדער איז מיר שולדיג, יעדער שטייט מיר אין וועג היינט, איך גיי אנקלאגן דעם זון, געענדיגט, איך האב מיך גערישט אויף א רואיגע רייזע, איך קען מיך קיין עצה נישט געבן אוי יו!

אה! עס פאלט מיר איין. א מינוט א מינוט!

עס איז דאך ממש די מעשה מיטן הערש, איר קענט דאך אודאי די מעשה מיט'ן הערש?! אה איר קענט נישט די מעשה? די מעשה גייט אזוי בערך.

דער הערש איז ארויס אין פעלד מיטן גאנצן פראכט, א שיינער גרויסער הערש, ער גייט גיין נאשפאציר, ער שפאצירט, ער לויפט, ממש א מחיה, פלוצלינג קומט ער אן צום וואלד, דא קען ער זיך שוין קיין עצה נישט געבן. ער האלט זיך אין איין פאראהאנקערן זיינע שיינע געדרייטע שופרות... יעדע מינוט אין אנדערע צווייגן, די שפאציר איז אים געווארן א גיהנום, ער זעט נישט קיין וועג ארויס, ער

זעט נישט קיין וועג אריין, ער איז מחליט מען גייט צאמנעמען אלע הערשן פאר א מיטינג, מען וועט מוזן בלית ברירה אפהאקן אלע שיינעביימער, געענדיגט מיט די ביימער! אזא מעשה? זיי הערן נישט אויף זיך אנצושטעפענען אין מיר...

וואס די סוף פון די מעשה איז געווען, ווייסט איר דאך שוין אליין, די ביימער גייט ער נישט אויסהאקן, און וואס יא... אויב וויל ער האבן א געשמאקע שפאציר דארף ער זיך אליין פארעכטן, ער קען זיך איינמאל פאר אלעמאל אראפנעמען זיינע שיינע געקרייזלטע הערנער, און עס איז פערטיג מיט די פראבלעמען.

די משל האבן מיר זוכה געווען צו הערן פונעם ראש ישיבה און פון מוהרא"ש כמה פעמים, אזא שיינער שכל אין לעבן. די משל געבט מיר אזוי א קום אריין אין קאפ בשעת'ן דרייוועון, איך האב דאך אן עצה, שטעל דיך אפ ביי א גאז סטאנציע, קויף דיר פאר צוויי דאללער מיט ניין און נייינציג צענט, פלאס געב צו נאך אפאר סענט פאר טעקס, קויף דיר א פאר פיינע זון ברילן און אלעס וועט דיר ווערן מסודר ווערן, וועסט קענען געשמאק הנאה האבן פון דיין רייזע.

אבער עס איז נישט געבליבן ביי דעם, אז איך האב שוין געזען אז די ביימער זענען נישט שולדיג דעם רבי ר' הערש פאר זיינע שיינע הערנער, און אז די זון איז מיר נישט שולדיג פארן אריינשיינען אין די אויגן, האב איך שוין געכאפט אז מיין ווייב איז מיר נישט שולדיג וואן איך בין נישט אין א גוטע גיסטע, מיינע קינדער זענען נישט שולדיג וואן איך בין אויפגעשטאנען אויף די לינקע זייט.

קענסט טרייען איינס פון דיביידע, שנייד דיר אפ דיינע הערנער, אדער קויף דיר א פאר פיינע זון ברילן און שלום על ישראל, אדער גאר ביידע שנייד דיר אפ די הערנער און בנוסף לזה טו דיר אן פיינע זון ברילן, נישט קיין חילוק, די פיגער עס אויס, מאך עס ארבעטן, די אינטערשטע שורה איז "קיינער איז דיר גאנישט נישט שולדיג".

זאג נאר ווער איז דיר שולדיג?

באמת געווען לייג אלע לצנות'ער אין די זייט, אנגעהויבן פון וואן ער איז פיצל, איז אים דער טאטע שולדיג פארוואס עס איז עפעס נישט... די מאמע איז שולדיג פארוואס ער ווייסט נישט... שוין אביסל עלטער דער מלמד איז אים שולדיג פארוואס ער האט פארגעסן... און די קינדער אין זיין קלאס זענען שולדיג אז ער האט נישט קיין... און נאך אביסל עלטער די בחורים פון ישיבה זענען אים שולדיג אז ער איז...

און אזוי וואקסן די הערנער זיינע גרעסער און העכער, דא איז די ווייב אים שולדיג, און דא דער שווער, דא זענען די קינדער שולדיג און דא די שוויגער, און אזוי עלטערט ער זיך איןליידן, ער האט שוין נישט קיין טאטע, נישט קיין מאמע, נישט קיין ווייב נישט קיין קינדער, ער דערזעט זיך אליין (אודאי ווער וויל דען שטיין נעבן א אומשולדיגער מענטש...) נו וועמען קען מען באשולדיגן? איז די גאווערמענט שולדיג! יעדער איז שולדיג נאר נישט דיר.

אבער דאס איז נאר א האלבע צרה, ווייל דער וואס באשולדיגט יעדעם אויסער זיך, דו מיינסט אז ער באשולדיגט יעדעם אויסער זיך, ער באשולדיגט זיך נאך דאס מערסטע, ווייל איך בין אזא שלימזל וועגן דעם בין איך און ווייל איך בין אזא צוויי לינקע הענטיגער וועגן דעם בין איך אזוי און ווייל איך קען מיך נישט צאמנעמען וועגן דעם קען איך נישט.

וועק דיך אויף טו שוין אויס דיינע שווארצע ברילן, ווער זאגט אז איינער איז בכלל שולדיג, אפשר איז צייט אז דו זאלסט אנערקענען אז נישט דיין טאטע, נישט דיין מאמע, נישט דיינע חברים, נישט דיין ווייב, נישט דיינע קינדער און נישט דו אליין קיינער איז נישט שולדיג.

עס איז א וועלט פון אומשולדיגע מענטשן...! יא וואס קוקסטו אזוי? עס איז א וועלט פון אומשולדיגע מענטשן...!

נו וואס יא? אה! עס איז דא איינער וואס ער מאכט דו זאלסט זיך פארהאנקערן, עס איז דא איינער וואס רופט **קום קום קום, קום קרא אליו,** איינער דערמאנט דיך העלאוי העעלאויי העעעלאווי! **איך ווארט אויף דיר דו ווארטס אויף מיר קום קום.**

**יא, יש מנהיג לבירה יש יש יש!**

און וואס זאל איך טון דערוועגן? איך ווייס עס איז א הערליכע מוסר שמועס, עס איז דא א גאט, אויבן אין הימל קודשא ברוך היא, כביכול וואס פירט אלעס בהשגחה פרטיות, מיט אזא מין סייעתא דשמיא, קנאק אריין ווי מער לשון קודש און אראמישע ווערטער.

דער אייבערשטער איז דא נעבן דיר און ער ווארט אויף א ווארט, קאנעקט מיט מיר, די קענסט מיך קאנטעקן, נו קאנטעקט מיך שוין, באשולדיג נישט.

שטעל דיך אפ פאר א רגע! קוק אן דיינע דורכפעלער מיט א שכל'דיגע בליק!

**נישט** ווייל איך בין א שלימזל,

ווייל איך האב צוויי לינקע הענט, ווייל איך בין א נעגאטיווער ... יו נעם איט וואס איך בין אלס... נישט וועגן דעם דארף איך גיין און זאגן באשעפער, אייבערשטער העלף מיך! ניין עס איז פונקט פארקערט! ווייל דער אייבערשטער וויל אז דו זאלסט זאגן באשעפער, טאטע, אייבערשטער העלף מיר וועגן דעם מאכט ער די אלע זאכן.

און ווי מער דו ווערסט באשולדיגן די גאנצע וועלט, וועט דאך האלטן אין איין געשען נאך און נאך עפיזאדן דיך אויפצואוועקן, נו קום שוין זאג שוין א ווארט! זאג שוין **טאטע!** זאג שוין **אייבערשטער, קיינער איז נישט שולדיג, איך ווייס אז דו ביסט עס און נאר דו ביסט עס.**

שוין ווייטער בין איך דורכגעפאלן! איך ווייס פארוואס, ווייל און ווייל און ווייל... און דערווייל פארגעסטו אז אנשטאט זיך צו באשולדיגן אז וועגן דעם הערסטו נישט אויף דורכצופאלן, איז עס פונקט פארקערט, דו פארגעסט אז איינער ווארט אז דו זאלסט אים זאגן: **אייבערשטער איך בין שוין ווידער דורכגעפאלן, איך ווייס נישט וואס צו טון העלף מיך איינציגער טאטע, איך בין קליין, אן קיין עצה אבער דו ביסט דאך איינער וואס קען אלעס, העלף מיך, איך זאל וויסן אז קיינער קומט מיר גארנישט, העלף מיר איך זאל וויסן אז איך בין נישט קיין דורכפאל, און העלף מיר איך זאל הערן און הערן און נאכאמאל הערן די קול פונעם צדיק וואס האלט אין איין דערמאנען, ווייל אויב נישט היילגער באשעפער וועל איך מוזן ליידן און ליידן, מען וועט מיך מוזן וועקן און וועקן.**

מיר האבן באמת געהאט אנגעגרייט גאר א אנדערע ארטיקל פאר די וואך, עס איז דאך אזעלכע רייכע טעג, מען קען דאך שרייבן אזויפיל, מיר האבן געהאט אנגעגרייט א שיינע ענין פון פרשת וישב, ארייגעפלאכטן שיין דעם ראש השנה לחסידות י"ט כסלו, דער הייליגער מגיד'ס יארצייט, דער באפרייאונג פונעם בעל התניא זי"ע, כ"א כסלו יום השיחרור פונעם סאטמאר רבי'ן זי"ע, און ווער רעדט נאך עס קומט דאך שוין די לעצטיגע טעג פון חנוכה, איך האב געענדיגט שרייבן דעם ארטיקל איבערגעלאזט די אלע שיינע זאכן, עס האט מיר באמת געבאדערט פארוואס איך האב נישט אספיעט עפעס אויף די פרשה, עניני דיומא, און... באמת עס איז געווען א רייכע ארטיקל ועוד חזון למועד, איך האב מיך אנגעהויבן באשולדיגן... איך האב מיך שוין אליין געטראפן זיין א חלק פון דעם יעצטיגן ארטיקל... אבער די מעשה איז נישט פערטיג, אזוי ווי איך זיץ נאך אין אפיס, איך מוז דאך נאך מאכן הפצה אויף ברוך השם אז דער אייבערשטער האט מיך מזכה געווען אז איך זאל דעם טאג וואס איך האב געשריבן דעם ארטיקל, געהאט די זכיה צו זוכן און געפינען ארויסשניידן א שטיקל פון א שיעור פונעם ראש ישיבה צו מאכן דערפון א חיזוק יומי, מיין קאפ איז מיר נישט געווען דערביי, אבער איך האב צוגעזאגט פאר די וואס מאכן די חיזוק יומי אז איך וועל זיי טרעפן א שטיקל פאר יענעם טאג... איך האב אפגעמאכט אז איך גיי מאכן א גורל הגר"א געבן א עפן א יאר, א פרשה, א אפטיילונג און פון דארט וועל איך זיי צושטעלן א שטיקל פאר א שיעור, איך עפן די פלאטפארמע ווי עס געפינען זיך די שיעורים... און עס דריקט זיך אריין דעם קנעפל צו שנת תש"פ שוין לאנג נישט געווען קיין חיזוק יומי פון יענעם יאר. פיין! דאס נעקסטע איז אין די פאלדער פון שיעורים לאברכים, פרשת מקץ, און דער מייזעלע געבט א קליק אריין אינמיטן פונעם שיעור, אפפס דא איז עס, דאס גייט זיין פאר די חיזוק יומי לאמיך נאר צוהערן... איך הער איך שטיי און שטוין "האיש משתאה מחריש לדעת" די ווערטער הער איך פון די מויל פונעם ראש ישיבה שליט"א... איך האב געכאפט קלעפ ווייל איך האב געעפענט די ישיבה... יענע וואך האט א איד געכאפט קלעפ פון א שיכור'ער גוי אין וויליאמסבורג... מוהרא"ש רעדט דערפון ביים שיעור... אז עס איז באשערט צו כאפן קלעפ כאפט מען, עס האט נישט צו טון צו מען האט געעפענט א ישיבה... און דער ראש ישיבה רעדט ווייטער אזעלכע טייערע ווערטער דער צדיק עפענט מיר די אויגן, הער אויף בלעימען מענטשן, יעדער איז שולדיג, דאס וואס דו האסט נישט קיין פרנסה דאס איז וועגן דיין שווער! יא? און דיין שוואגער איז סתם א חיה... און דיין טאטע... און דיין מאמע... און די גאנצע וועלט יעדער איינער איז דיר שולדיג, וואלסטו ווען געקומען צום רבי'ן וואלסטו דיך אויסגעדרייט אין א ווינקל און גזאגט: "**רבונו של עולם איך טו תשובה איך הייב אן פון יעצט**", אפאר דיבורים, זאג עס מיט...!

אוי די ווערטער זענען מיר אזוי אריין אין די ביינער, אזא 'פונקט...' האט דער אייבערשטער געמאכט, וואוו! איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן.

זעט אויס אז דא איז שוין נכלל י"ט כסלו, כ"א כסלו, פרשת וישב, חנוכה, עניני דיומא, וואס קען דען זיין שטערקער פון זיך צוהערן צו די ווערטער פון א צדיק, וממילא יבין, אז דו ווערסט גיין צו א צדיק, צום סוף ווערסטו פארשטיין וואס די לעבן איז.

# שטעטל נייעס

## געהאלט פון די אינגעלייט וואס לערנען אין כולל היכל הקודש געהעכערט



דער כולל היכל הקודש איז ברייט באקאנט מיט איר גוטע נאמען אלס א כולל וואס גייט אויף דעם זעלבן גאנג ווי גדולי ישראל אין די פריערדיגע דור האבן עס אהער געשטעלט, א פלאץ ווי אינגעלייט וואס תורתם אומנתם זאלן זיך קענען משלים זיין אין אלע מקצועות התורה.

די אינגעלייט אין דעם כולל בטל'ן נישט קיין צייט, זיי זיצן און לערנען מיט גרויס התמדה און אקערן דורך איין מקצוע נאך די אנדערע, ווי די פילע באזוכער צייגן אן, און דערנאך לאזן זיי זיך פארהערן ביי גרויסע רבנים, וואס דרוקן אויס גרויס התפעלות ווי שטארק זיי זענען בקי אין די פילע הלכות.

יעצט האט דער ראש ישיבה געבעטן דעם גבאי מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו אז ער זאל העכערן דעם וועכנטליכן געהאלט כדי די אינגעלייט זאלן ווייטער קענען בהרחבה לערנען אומגעשטערט.

פאלגענד איז א בריוו פונעם ראש ישיבה פון פאריגע וואך, איבער דעם: **בעזרת השם יתברך יום ה' פרשת תולדות, א' דראש חודש כסליו, שנת תשפ"ג לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

**שטארק זיך מיט דיין הייליגע ארבעט; נישטא קיין גרעסערע זאך ביים אייבערשטן ווי אז איינער ברענגט צוריק זיינע קינדער צו אים. זיי ממשיך מיט דרוקן די ספרים פון רבי'ן וואס מוהרא"ש האט געשריבן פאר אונזער דור, דאס וועט ברענגען די גאולה.**

פינף כולל אינגעלייט האבן זיך פארהערט הלכות מקוואות, איך האב יעצט באקומען די צעטלעך וואס די רבנים שרייבן זיי, די רבנים דרוקן זיך אויס אז זיי האבן זייער גוט געקענט. איך וויל געבן פאר די אינגעלייט וואס האבן זיך פארהערט - עפעס מער, זאלסטו אנגרייטן דעם חודש ווען מען צאלט די כולל אינגעלייט נאך א טויזנט דאללער, פאר די פינף אינגעלייט. א גרויסן יישר כח.

אויך וויל איך פון היינט און ווייטער ארויפגיין מיט די געהאלט פאר די כולל אינגעלייט, אנשטאט צוויי הונדערט און פופציג דאלער א וואך - דריי הונדערט און פופציג דאלער א וואך, איך וויל זיי צאלן יעדע דריי וואכן טויזנט פופציג.

גרייט מיר אן פאר אלע אינגעלייט זייער געהאלט פאר פרשת חיי שרה, תולדות און פאר ויצא; איך האף צו קומען איין טאג קומענדיגע וואך אין שטעטל - וועל איך עס נעמען פון דיר. דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## געעפענט די טויערן פונעם נייעם בנין התלמוד תורה



דעם פארגאנגענעם זונטאג וישב איז פארגעקומען א הערליכע מעמד קביעת מזוזה ביים נייעם בנין התלמוד תורה בהשתתפות דער ראש ישיבה שליט"א וואס איז ספעציעל געקומען צו פארן צו באשיינען דעם הערליכן מעמד.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשטעלט צוויי חשובע אינגעלייט מו"ה שבתי מארקוס הי"ו און מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו וואס פירן אן אגאנץ יאר מיט שאפן געלט

<<<<

פאר די ישיבה, אז זיי זאלן אויך דא אריינקומען אינעם בילד און זעהן עס זאל זיין געלט צו אויפבויען דעם בנין התלמוד תורה, און זיי האבן נישט אנטוישט ברוך השם, זיי האבן געשאפן פון אינגעלייט אנשי שלומינו דאס גאנצע געלט צו קענען אויפבויען דעם בנין על צד היותר טוב, און אלץ הכרת הטוב האט מען גערופן די אלע אינגעלייט נדבנים און געמאכט א שיינעם מסיבת קביעת מזוזה טאקע אינעם בנין.

ביים מסיבה האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט די געוואלדיגע זכות וואס מען האט צו אריינלייגן די געלט אין א תלמוד תורה ווי מען ברענגט אריין די קינדער זיי זאלן לעבן מיט'ן אייבערשטן און ליב האבן די תורה ומצוות זייער גאנץ לעבן.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די מוסד אין שטעטל האט זיך אנגעהויבן מיט איין בנין, און דעמאלטס האט עס אויסגעזעהן ווי דער בנין איז צו גרויס, ווער דארף אזא גרויסע בנין? יעצט ממש א קורצע צייט שפעטער זעהט מען אז דאס איז שוין אויסגעוואקסן, און מען האלט שוין ביים קומענדיגן בנין, און דאס איז שוין אויך אויסגעוואקסן ברוך השם, און מען גרייט זיך שוין צו קויפן דעם דריטן בנין ברוך השם.

דער ראש ישיבה האט ארום גערעדט פון די געוואלדיגע חינוך וואס מען באקומט דא, די שטארקע אמונה וואס די מלמדים און טיטשערס לייגן אריין אין די קינדער, און מען ברענגט אויף די קינדער זאלן וואקסן געזונט, זיי זאלן וועלן חתונה האבן און אויפשטעלן דורות פארן אייבערשטן. דער ראש ישיבה האט פארציילט: "לעצטנס איז דא אן אויפוואכונג איבער דעם פראבלעם אז מיידלעך ווילן נישט חתונה האבן, מען זוכט עצות אויף דעם, ביז מען איז ארויף געקומען אויף א עצה אז א מיידל טאר נישט רעדן צו קיין פרענד נאך 11 אזייגער ביינאכט, אפשר אזוי וועט זי נישט זיין צוגעקלעבט צו די פרענדס, ווען איך האב דאס געהערט האב איך ממש אנגעהויבן וויינען פאר אידישע קינדער, דאס איז די עצה זיי זאלן וועלן חתונה האבן, צוכאפן די פאון וועט העלפן? ווען מען לאזט מיר רעדן וואלט איך אין צוואנציג מינוט זיי געקענט מסביר זיין די שיינקייט פון חתונה האבן און ווי גוט עס איז צו לעבן א עכטע לעבן נאך די חתונה מיט'ן אייבערשטן".

דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "ברוך השם אז דא אין די מוסד לערנט מען דאס אויס פאר די קינדער פון יונגוויז אן".

ברוך השם די וואך מאנטאג האט מען באנייעט דעם בנין, די קינדער האבן זיך אריבער געצויגן צו זייערע קלאסן, אזוי אויך די אפיס איינגעשטעלטע האבן זיך אריבער געצויגן צום נייעם הערליכן אפיס אינעם נייעם בנין ווי עס איז אסאך בעסער אהערגעשטעלט ווי פארדעם.

## מצה בעקעריי עפענט זיך אי"ה בקרוב


דער ראש ישיבה באזוכט אין מצה בעקעריי תשפ"ב

אין די נאנטע טעג וועט זיך אם ירצה השם עפענען די באקאנטע ברסלב'ע מצה בעקעריי אין שטעטל, וואס האט זיך שוין באקאנט געמאכט מיט איר גוטע נאמען אלץ די געשמאקסטע ווי אויך מהודר'דיגע מצות, און ועל כולם האט דאס די מעלה אז אלע ארבעטערס זענען ברסלב'ע חסידים וואס בעטן דעם אייבערשטן אז די מצות זאל זיין כשר און געשמאק פאר די וואס וועלן פון דעם עסן אין יום טוב פסח.

דאס יאר קומט צו נאך א געוואלדיגע מעלה, אז מען וועט באקן ספעלט מצה, פאר די אלע וואס קענען נאר עסן די סארט מצה.

עס איז נאך דא געציילטע ליידיגע פאזיציעס צו ארבעטן אינעם בעקעריי, זיך אייצושרייבן קען מען זיך מעלדן צום מענעדשער מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו.

די מצה בעקעריי איז אינטער די שטרענג השגחה פונעם חשוב'ן דיין שליט"א וואס מאכט זיכער אז אלעס זאל זיך פירן מיט אלע חומרות והידורים ווי עס דארף צו זיין אזוי ווי מען קען זעהן אין א בריוו ווי דער ראש ישיבה דרוקט זיך אויס צום דיין שליט"א: **בעזרת ה' יתברך יום ה' פרשת מצורע, ו' ניסן, שנת תשפ"ב לפרט קטן**

**לכבוד דער דיין שליט"א, ברסלב ליבערטי**

**איך בין זייער פרייליך צו הערן אז די מצה בעקעריי איז מיט אלע חומרות און הידורים. דער אייבערשטער זאל דיר געבן סייעתא דשמיא עס זאל נישט ארויסקומען קיין מכשול מתחת ידינו. א פרייליכן יום טוב.**

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דאס יאר זיין נאך בעסער ווי פאריאר, נאכדעם וואס מען האט עס שוין אסאך מער אהערגעשטעלט מיט אלע באקוועמליכקייטן און הידורים וואס פעלט זיך נאר אויס. בחפץ השם בידינו יצליח

## היכל הקודש
# נייעס

בית שמש

### בית המדרש היכל הקודש בית שמש אפען פאר אלע תפילות שבת קודש



דער הערליכע ווינקל בית המדרש היכל הקודש אין בית שמש איז ברוך השם געעפענט געווארן פאר אלע תפילות שבת קודש, נאכדעם וואס ביז יעצט פלעגט מען זיך נאר צאמקומען פרייטאג צונאכטס און שלש סעודות, די לעצטע פאר וואכן איז דאס שוין געעפענט געווארן אויך פאר שבת אינדערפרי צו די צופרידענהייט פון די חשובע מתפללים תלמידי היכל הקודש.

ביזדערווייל דאווענט מען אלע תפילות אין שטוב פון מו"ה יצחק ראטה הי"ו. וואס האט מקדיש געווען זיין שטוב מען זאל דארט קענען דאווענען אלע דריי תפילות יעדן שבת, דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעם גוטס.

אויך הערט מען נייעס פונעם שיינעם שול אז נאך א לענגערע תקופה וואס די קינדער האבן געקליבן קארטלעך, 3 סעריעס 'ליקוטי מוהר"ן', 'אשר בנחל' און 'עצתו אמונה' האט מען די לעצטע מוצאי שבת וישלח געטיילט מתנות פאר די קינדער ווען יעדער אינגל האט באקומען א בילד פון דער ראש ישיבה אדער פון דער ראש ישיבה מיט מוהרא"ש, די קינדער זענען געווען זייער פריילעך ווען זיי האבן געזען אז די הארוואניע האט זיך אויסגעצאלט ווען זיי האבן געדאווענט שיין אין בית המדרש און געזונגען זמירות ביי שלש סעודות און דערנאך אויסגעהערט מיט דרך ארץ א מעשה פון א צדיק און יעדע וואך האבן זיי באקומען אפאר קארטלעך וואס דאס האט מען געקליבן ביז מ'האט געהאט אלע 3 סעריעס און יעצט האבן זיי באקומען א מתנה פאר דעם.

וויליאמסבורג

### הרב יודא לייב אשלג שליט"א בעל הסמנים באזוכט אין ישיבה



פארגאנגעם מיטוואך איז הרב אשלג שליט"א פון ארץ הקודש וואס געפונט יעצט זיך דא אין אמעריקע צוגאסט געקומען זיך באטייליגן צום טעגליכן שיעור התחזקות פונעם ראש ישיבה שליט"א. הרב אשלג האט גענומען אויף זיך א מיסיע צו מאכן סימנים אויף אלע מאמרי חז"ל צו קענען געדענקען אויף וועלכע בלאט עס שטייט. ער האלט אינמיטן שרייבן א חיבור מיטן נאמען "זכרינו בזכרון" ווי ער שרייבט אראפ אלע סימנים וואס ער האט געטראפן.

דער ראש ישיבה האט אים ארויפגערופן ער זאל זאגן אפאר ווערטער פאר די בחורים, ער האט פארציילט וואספארא חיזוק ער האט באקומען פונעם ראש ישיבה, און וויאזוי ער האט אנגעהויבן מיט די סימנים צו געדענקען אלע מאמרי חז"ל. ער האט געזאגט אז מענטשן פלעגן אים אפרעדן, און דער ערשטער וואס האט אים מחזק געווען ער זאל גיין ווייטער דערמיט איז געווען דער ראש ישיבה. ער האט מסביר געווען וויאזוי ער מאכט די סימנים. און האט געזאגט פאר די בחורים זיי זאלן וויסן וואספארא אוצר זיי פארמאגן.

ער האט פארציילט וויאזוי ער איז געוואויר געווארן פונעם ראש ישיבה, ער האט געטראפן עטליכע מאל אידן אין ארץ ישראל וואס האבן אים געזאגט: "דער ראש ישיבה איז מיין רבי, איך האב אים קיינמאל געזען אבער מיין גאנצע רוחניות'דיגע לעבן קומט פון אים" און האט אויסגעפירט פאר די בחורים "אשרי חלקכם" אז איר זענט אויף אזא הייליג פלאץ.

# אונזערע העלדן



ישראל דוד העסקעל

**חתן** טייערער! הייבט אן דער גוט זאגער משמח זיין חתן כלה...

וואס איז די צושטעל פון פרשת וישלח צו חתן כלה?

חתן טייערע! האסט חתונה געהאט, יעצט דארפסטו זיך גרייטן לדורון לתפילה ולמלחמה...

כא כא כא...

מיר האט דער ווערטל עפעס זייער געאיבלט. איך האלט שוין נאכן הערן אזוי פיל שיעורים פון דער ראש ישיבה, אז א ווייב דארף מען מחשיב זיין וכו' וכו', און דער ראש ישיבה האט שוין אויך כמה פעמים געזאגט, אז דאס וואס מ'פירט זיך ביי אסאך שמחות אז מ'מאכט חוזק פון א שוויגער און א ווייב איז א עקלדיגע מנהג, און קומט פון נישט א ריינע מקור...

האב איך געטראכט אזוי... אויב גייט א חתן צו, צו זיין ווייב ווי אן עשיו, דארף ער זיך טאקע צוגרייטן לדורון, לתפילה, ולמלחמה, אבער אויב גייט א חתן צו צו זיין כלה ווי אזוי יעקב איז צוגעגאנגען צו רחל, דאן איז דער חתן גרייט צו שוויצן און ארבעטן עבודת הפרך פערצן יאר פאר זיין שווער א רשע מרושע א גנב, אבער אלס אבי צו קענען אנקומען צו די תכלית צו קענען בויען א אידישע שטוב! וואס דארף איך זיצן יעצט און אויסהערן



נארישע ווערטלעך? איך נעם ארויס מיין פענע מיט א קליין שטיקל פאפיר, איך קען דאך דערווייל שרייבן אביסל אנשטאט ברענען די צייט...

"דו מוזט באשרייבן הפצה, די מפיצים דארפן חיזוק! איך זאג דיר דאס מוז זיין דיין נעקסטע ארטיקל" - זאגט מיר איינער פון די חשובע לאנדאנע מפיצים - "דו ווייסט נישט וועלכע רדיפות און בילבולים מיר גייען דורך, אונז מוזן האבן חיזוק, איך בעט דיר!"

אזוי ווי איך וויל אנהייבן שרייבן כאפט מיר א פחד! וואו קומט דאס צו מיר צו באשרייבן די גרויסע הייליגע מפיצים, די וואס ברענגען אידן צום רבי'ן צו ווערן נענטער צום אייבערשטן, ווער בין איך דען אז איך זאל נעמען די פעדער אין די האנט און באשרייבן די הייליגע לייט...
אזוי האט מיר מיין מח געפלאגט מיט ספיקות אהין און אהער, אפשר איז עס



גאר א פאלשע ענוה וואס דער שטן דרייט אן אלעם אבי נישט צו מחזק זיין, זיין גרעסטע שונא - דער מפיץ.

אבער למעשה, וואו קומט דאס טאקע צו מיר? און וואס קען איך דען שוין זאגן, איך בין בטל ומבוטל פאר די אידן וואס זענען זעלנער פארן רבי'ן און פארשפרייטן זיין הייליגע רייד איבערגעגעבן דורך זיינע תלמידים פון אלע דורות, ס'איז פאר קיינעם נישט קיין סוד וואס א מפיץ מאכט אלס מיט חרפות און בושות, זייער בלוט ווערט ווי הפקר ביי אומערצויגענע מענטשן, און ווער רעדט נאך ווען מאנכע צולאזטע אינגען הייבן העגט ה"י דאס איז דאך עשיו'ס מידה, ווי קומט דאס בכלל צו א איד מזרע אברהם יצחק ויעקב? אלא מאי דאס איז דער ס"מ דירעקט וואס שלאגט און טיילט מכות.

יעצט דארף איך קומען, קליינע מענטשעלע, גארנישט מיט גארנישט אין קאנטראסט צו א מפיץ, און איך דארף אים מחזק זיין? וואו נעמט מען די כוחות אויף דעם?

מיין מח שטופט עס ווייטער אוועק, ס'איז פאלשע ענוה! אלעס אבי זאלסט נישט מחזק זיין א מפיץ... און אזוי שלעפ איך מיך ארום אפאר טעג מיט דעם דילעמע, וואס טוה איך דא?

איך לויף אין מקוה און איך בעט דעם אייבערשטן זאל מיר פירן אויף די ריכטיגע וועג אז וואס איך טו, זאל נאר ברענגען א קידוש ה' און נענטער ברענגען מענטשן צום אייבערשטן, און נישט פארקערט חלילה.

אזוי ווי איך ענדיג זיך מתבודד זיין, פאלט מיר איין, אז דאס וואס איך שרייב ביז יעצט, איז עס נישט "איך" שרייב, נאר שלוחא דרחמנא אנא, דער אייבערשטער דרייט די פעדער אין מיין האנט און מיט גרויס סייעתא דשמיא קומט האפנטליך ארויס אביסל סחורה, אביסל חיזוק.

אויב אזוי אז נישט "איך" בין דער וואס שרייבט, קען מען שוין אויך באשרייבן מפיצים!

אבער ווי הייב איך אן? איך בעט א תפילה. אפאר מינוט שפעטער באקום איך א טעלעפאן רוף פון אונזער גרויסע מפיץ.

העלא?

יא שרולי, - פרעג נישט! מ'האט מיך יעצט אנגעקלאפט און צו'מזיק'ט אלע ביינער!

ווער? וואו זענען די גוים? רוף שומרים, איך קום שוין, וואס איז דער הפקר וועלט? א נייע רוח פון אנטיסעמיטיזם, יעדער אינגער שגצ'ל כאפט א איד אויפן גאס און צושלאגט אים וואס איז דאס?!

ניין ניין דו כאפסט נישט, דא אין ... ביהמ"ד!

איך פארשטיי נישט, ווי אזוי קען דיר א גוי אנקלאפן אין שול ביי מנחה מעריב, ס'דאך פיל מיט מענטשן! האסט געשריגן?

ניין ניין, דו כאפסט נישט, אידן! מענטשן פון ... ביהמ"ד האבן מיך צושמעטערט אלע ביינער!

כ'פארשטיי נישט, הייב אן פון אנפאנג, דערצייל מיר די גאנצע מעשה.

גארנישט, איך בין געגאנגען הפצה אז אנדערע אידן זאלן זיך קענען מחזק זיין און שפירן דעם גוטן טעם פון היכל הקודש, פלוצלינג קומט איינער צו מיר און הייבט מיר פראסט און פשוט אן צו שלאגן, און אזוי האט ער מיר באקלאפט אלע ביינער ביז די רציחה איז ארויס און ער איז אוועקגעגאנגען!





וואאאאאאאס???

איך האב געהערט ביי די שיעורים פון דער ראש ישיבה ווי ער זאגט אז מפיצים כאפן שלעק, אבער איך האב קיינמאל נישט געכאפט אז ס'איז עכט, ס'איז א מציאות, איך האב זיך אלס פארגעשטעלט אז די מענטשן זענען לכאורה גאר ווייטע מענטשן, מענטשן וואס זענען שוין לאנג נישט געווען אין א ביהמ"ד, צווישן היימישע אידן, אבער אז היימישע אידן מיט די גאנצע לבוש נאך אין א ביהמ"ד זאלן קענען הייבן הענט אויף א בחור'ל וואס גייט הפצה, דאס האב איך זיך שוין נישט געקענט פארשטעלן!

וואס איז פשט פון דעם, פון וואו קומט אזא התנהגות צו א איד? און דאס איז נאר איין קליינע מעשה'לע פון הונדערטער אזעלכע מעשיות וואס מפיצים גייען דורך טעגליך ווען זיי מאכן מיט בושות וחרפות און דאך גייען זיי אן במסירת נפש מיט זייער הויכע עבודה מקרב צו



זיין און מחזק צו זיין צובראכענע אידן.

עס איז וויכטיג אנצומערקן אז שפעטער האט זיך גאר ארויסגעשטעלט אז דער שלעגער איז געווען אביסל אויף סחורה, און בכלל נישט געווען דאהי ווי מען רופט עס, און זיך פשוט און פראסט אויסגעגעבן זיינע נערוון אויפ'ן מפיץ, אבער פאר בזיונות און צו מאכן שוועריקייטן צו גיין הפצה איז דאס פונקט גענוג געווען. אלץ איז דא איינער וואס מאכט א טומל און א רעש און דאס מאכט שוין אויסזען ווי כאילו דער גאנצער ציבור איז אנטקעגן די הייליגע ספרים און קונטרסים.

נאך אזא אפענע צייכן מוז איך שוין טאקע שרייבן!

ערב ראש השנה ביים ציון אין אומאן האט מיר געכאפט א אויסטערלישע גלוסט און חשק צו טון עפעס פאר הפצה. אזוי דאווענענדיג ביים ציון טראכט איך וואס קען איך טון פאר הפצה יעצט, איך האף נאך שטארק אז איין טאג זאל איך האבן די זכיה צו קענען ארומגיין געהעריג... אבער למעשה תכלית, וואס קען איך יעצט טון?

איז מיר איינגעפאלן, אז רוב קונטרסים וואס זענען דא, אפעלירן בעיקר צו צובראכענע אידן - בחור טרעף דיין שידוך, זיי דיך נישט מייאש, וכו', די קונטרסים הייבן אויף געוועלדיך מענטשן וואס מוטשענען זיך און זענען צובראכן און זיי זוכן חיזוק, אבער פאר די בעלי גאווה וואס ווארפן ארויס קונטרסים און שלאגן מפיצים פאר זיי איז נאך גארנישט דא!

איך קען דאך אביסל שרייבן, טראכט איך צו מיר איך גיי שרייבן א בריוו דירעקט צו די אידן, איך וועל לייגן א גוטע קעפל אז זיי זאלן דאס מוזן אויפהייבן, און איינמאל ער לייענט עס שוין איז ער מיינס. איך גיי עס אזוי אנשטאפן מיט חיזוק אז האפנטליך ווען ער ענדיגט עס ליינען וועט ער האבן אינגאנצן אן אנדערע בליק, און אין בעסטן פאל גאר מקורב ווערן צום רבי'ן.

אויפן וועג אהיים פון אומאן, נאך אין פוילן, בין איך געגאנגען פרעגן דער ראש ישיבה אויף מיין רעיון... דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט אדרבה, איך זאל עס טאקע טון.

אומר ועושה, נאך אינעם האטעל אין פוילן האב איך שוין אנגעהויבן שרייבן און ס'האט זיך געשריבן א מחיה, א שורה און נאך א שורה, איך האב זיך פרובירט צו מצמצם זיין אויף דער נושא מיט שיעורים פון דער ראש ישיבה, און ביז א וואך איז עס געווען פארטיג!

איך בין עס איבערגעגאנגען פאר'ן עס שיקן צום ראש ישיבה פרעגן אויב דאס קען ארויסגיין... און ס'הייבט מיר אן באדערן, ווער בין איך דען אזוי צו שרייבן... וואו קומט דאס צו מיר... אזעלכע שורות דארפן געשריבן ווערן דורך א גדול, וואס בין איך דען... ניין, איך שיק עס נישט! ס'גייט אריין אין מיינע ארכיון מיט נאך הונדערטער שורות און שטיקלעך וואס גייען טאקע מן הסתם קיינמאל נישט ארויסקומען... און פארטיג! איך שעם זיך אז איך האב אפילו געקענט טראכטן פון אזאנס




שרייבן... און זיכער פארמאג איך נישט די חוצפה דאס צו שיקן פאר דער ראש ישיבה, וואס האב איך בכלל געטראכט מתחילה...

ניין! ס'איז פאלשע ענוה! דאס איז דער סמ"ך מ"ם! האסט געשריבן עפעס וואס קען אפשר ברענגען נאך א איד צום רבי'ן, נאך א איד זאל אפשר תשובה טון, אפשר וועט ער אויך אנהייבן הערן די זיסע לעבטיגע דיבורים פון דער ראש ישיבה און ער וועט אנהייבן רעדן צום אייבערשטן וכו', זיכער איז דאס דער שטן וואס וויל נישט דאס זאל ארויסקומען!

איך בין מחליט אז איך טראכט אפילו נישט, איך שיק עס פאר דער ראש ישיבה! למעשה דארף איך עס נאך איינמאל איבערקוקן מאכן זיכער אז ס'האט נישט קיין גרייזן וכו', און נאכדעם שיק איך עס גראד!

איך ליין עס נאכאמאל דורך און ס'קומט אן החלטה, ניין! ווער מיינסטו דו ביזט? וואס טרעטסטו אריין אין אזעלכע גרויסע שיך? איך שעם זיך ווידער פאר מיר אליין, איך מאך עס צו און גראד צוריק אריין אין די ארכיוון!

אויב ווילט איר וויסן ווי אזוי מיין מח האט אויסגעקוקט די לעצטע פאר וואכן, דאן לייענט איבער די לעצטע פאר שטיקלעך נאכאמאל און נאכאמאל... אזוי האט זיך מיין מח געוואקלט פון דעמאלט ביז יעצט אהין און צוריק, יא-ניין ניין-יא...

יעצט אבער אז איך שרייב אביסל וועגן הפצה, האב איך געשפירט אז ס'איז א פאסיגע צייט ארויסצולייגן די פאר שורות וואס איך האב זיך צאמגעשריבן, און האפנטליך וועלן מפיצים קענען נעמען חיזוק פון דעם.

פאר די קעפל האב איך געשריבן:

דער ענין פון צורייסן ברסלב'ע גליונות

"לאמיר דיך טאקע פרעגן, וואס איז פשט פון דעם וואס מען זעט ערליכע אידן צורייסן און ווארפן ארויס ברסלב'ע גליונות און קונטרסים?

וואס איז ברסלב בכלל?

וואס איז דער פחד וואס מענטשן האבן ווען זיי הערן ברסלב?

וואס שטעכט אזוי פאר א טאטע ווען זיין זון ציט קיין ברסלב?

לאמיר טאקע דא אויסשמועסן וואס איז די בלינדע שנאה וואס מענטשן האבן אויף ברסלב שוין איבער צוויי הונדערט יאר.

ס'איז פאר קיינעם נישט קיין סוד ווער דער הייליגער רבי איז געווען, ער איז געווען אן אייניקל פון דער הייליגער בעל שם טוב, פון די גרעסטע צדיקים וואס די ערד קוגל האט נאר אמאל געזען.

די אינטערעסאנטע זאך איז נאר, אז מענטשן וואס האבן נישט קיין שייכות מיט ברסלב ווייסן בכלל נישט קיין סאך צו זאגן איבער דעם צדיק און פון זיינע תורות, אנדערש ווי אנדערע צדיקים פון זיין דור ווי דער הייליגער קדושת לוי זכותו יגן עלינו, די הייליגע ברודער ר' אלימלך און ר' זושא זכותם יגן עלינו וכו', ווער האט דען א קרום ווארט צו זאגן אויף די הייליגע צדיקים און אויף זייערע תלמידים, און ווער ווייסט דען נישט כאטש איין תורה אדער מעשה פון די הייליגע צדיקים, איז פארוואס טאקע איז דער הייליגער צדיק וקדוש רבי נחמן פון ברסלב זכותו יגן עלינו ארומגענומען מיט





אזוי פיל מחלוקת און לשון הרע'ס? וואס איז פשט פון דעם ברען קעגן ברסלב'ע חסידים?

איז אזוי, קודם לאמיר זען וואס איז ברסלב בכלל, וואס איז דער זאך אויף וואס אזוי פיל מענטשן קריגן אויף דעם, וואס שטייט אין די אלע גליונות וואס מענטשן זענען אזוי פארנומען צו צורייסן און ארויסוואַרפן.

דער הייליגער רבי, דער נחל נובע מקור חכמה מיט זיינע הייליגע תלמידים אין שפיץ פון זיין תלמיד דער צדיק וקדוש רבי נתן זכותו יגן עלינו האבן אראפגעברענגט א לעכטיגע אור השוה לכל נפש פון עצות ווי אזוי צו לעבן מיט אמונה, ווי אזוי צו קענען אלעמאל זיין פרייליך אין יעדער מצב, און אז יעדער איד זאל אויך קענען זיין א צדיק, דו אויך!



יעדער איד קען רעדן מיט'ן הייליגן באשעפער, יעדער איד קען תשובה טון.

דער הייליגער צדיק מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט געטראפן אין רבינ'ס ספרים א דרך הלימוד השוה לכל נפש, יעדער איד קען לערנען און עוסק זיין בכל מקצועות התורה, ווי אויך א וועג ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטן מיט תמימות און פשיטות.

אויב אזוי שטעלט זיך די פראגע, פארוואס קומט נישט יעדער צו לויפן צו א פלאץ ווי יעדער פשוטער איד קען זוכה זיין צו א ריינע לעבן פול מיט אמונה, תורה, שלום בית, התבודדות וכו'?

די תירוץ איז, טאקע ווייל ס'איז די גרעסטע זאך אויף דער וועלט איז דא אויף דעם א גרויסע יצר הרע, אזוי ווי מוהרא"ש פלעגט זאגן אז דוקא ארום א לעקטער אין גאס דרייט זיך ארום אלע פליגן. אויף ברסלב וועט יעדער האבן עפעס וואס צו זאגן, און עס קומט אן צו יעדן איינעם פארשטעלט אויף א אנדערן וועג, ביי איינעם קומט ער ווי א ירא שמים וואס זאגט אים: "נע, די קונטרסים? דו ווייסט נישט אז די פריערדיגע האבן שוין נישט געהאלטן דערפון?"... צו א צווייטן קומט ער גאר מיט א פארקערטע וועג: "וואס היכל הקודש? ס'איז עפעס א פארפרומטע פלאץ"...

טייערער חבר, נעקסטע מאל דו זעסט א גליון אדער א קונטרס און די בלוט גייט דיר ארויף אין קאפ, דו פילסט אזא ברען קעגן דעם, געדענק אז דו האסט א יצר הרע'לע וואס טאנצט דיר אין די קישקעס און ציטערט אז אויב דו וועסט חלילה אויפהייבן דעם גליון און דו וועסט טרעפן די ליכטיגקייט פונעם רבי'ן וועט ער דיר נישט קענען מער אראפוואַרפן...

פייף אים אן!!! אנשטאט עס אוועקווארפן ליין עס דורך, קוק וואס דארט שטייט, אפשר וועסטו טרעפן דארט דיין חיזוק אדער א וועג פאר דיר תשובה צו טון און ווערן נאנט צום אייבערשטן, דו קענסט אויך זוכה זיין צו א לעבן מיטן אייבערשטן, א לעבן מיט אמונה.

מיין טייערער פריינט, טראכט אריין א מינוט ווי אזוי דער סמ"ך מ"ם האט געמאכט אן אנדרייעניש פון נ נח'ס וכו', ער האט ארומגענומען ברסלב מיט כל מיני משוגעים למיניהם און לשון הרע'ס אזש א מענטש ווערט אויפגעציטערט ווען ער הערט די שרעקעדיגע ווארט "ברסלב", מ'אנטלויפט פון דעם, אבער ווער עס האט סייעתא דשמיא און טרעפט יא דעם הייליגן וועג פונעם רבי'ן מיט זיינע תלמידים, אוי ווי לעכטיג איז אים, דער רבי שרייבט אז ער האט די כח ארויסצושלעפן א מענטש פון רפש וטיט, פון די ערגסטע עבירות קען א מענטש זוכה זיין צו ווערן א צדיק אמת.

דאס איז מער ווייניגער די תמצית פון יענע שורות וואס איך האב געשריבן, איך האב עס דא אביסל מקצר געווען ווייל איך האב בעיקר געוואלט ארויסברענגען די חיזוק פאר א מפיץ.

איך געדענק ווען איך בין מקורב געווארן



גראד אין אנהייב, בין איך געווען זייער נאאיוו, איך בין געווען זיכער אז מיינע "גוטע פריינט" און משפחה מיטגלידער גייען זיך אזוי פרייען פאר מיר אז איך האב געטראפן א פלאץ וואס געבט מיר לעבן, א רבי וואס ברענגט מיר צום באשעפער, אבער גאר שנעל האב איך אויסגעפונען פון די שרעקעדיגע ברסלב'ע ווארט וואס הייסט מניעות... אוי האב איך אנגעהויבן כאפן אויף אלע זייטן אבער נישט סתם, איך האב זיך (קען זיך נאך מאכן היינט אויך...) געשפירט ממש ווי א מצורע...

איך דערמאן זיך, ממש אנפאנג ווען איך בין מקורב געווארן בין איך געזעסן מיט מיינע חברים און איינער פון זיי נעמט די דרייסט מיר צו פרעגן:

"ס'איז אמת אז דו הערסט שיעורים פון דער ראש ישיבה?

יא!

איך קען דיר עפעס פרעגן, אויב הערסטו מארגן אז איך האב געליינט עפעס א גליון פון סיי וועלכע מגיד וואס איז נישט ברסלב וואלט עס דיר אויך אזוי אינטערעסירט??? ...

אויך געדענק איך איין צופרי בין איך געזעסן נאך שחרית אין די מנין ווי איך פלעג יעדן טאג דאווענען און געזאגט תיקון הכללי אינמיטן קומט צו א איד און הייבט מיר אן שלעפן ביים טלית: "זאג, דו מיינסט טאקע אז דאס גייט די העלפן?" און ער לאכט...

מה פשעי ומה חטאתי, איך וויל סך הכל זיין אן ערליכער איד, איך האב געטראפן א צדיק וואס העלפט מיר, וואס ווילסטו פון מיין לעבן האבן?? אבער אזוי גייט עס, מ'קומט אין היכל הקודש און די בלוט ווערט הפקר!

נאך א נס אז איך האב געקענט אנשטאפן מיין טאג מיט שיעורים פון דער ראש ישיבה און מיט לערנען ע"פ סדר דרך הלימוד דאס האט מיך ממש געראטעוועט! נאר דאס האט מיך דעמאלט געגעבן חיזוק.

איך טראכט צוריק איך ווייס נישט אויב איך וואלט עס נאכאמאל געקענט דורכמאכן... די כוחות הנפש וואס דאס נעמט ווען איך הייב נאר אן טראכטן ווערט מיר טונקל, ס'קומט מיר ממש צו וויינען...

די מפיצים אבער די גיבורי חיל גייען דאס אריבער טעגליך! ס'איז נישט קיין תקופה'לע דא און דארט וואס מאכט זיך, און דאך יעדן טאג מיט א פרישקייט טאנצן זיי נאכאמאל אריין אין לייבן גרוב, א פרישע טאג פרישע בושות פרישע מכות...

וואס זאל איך זאגן, איך ווארט איך האף און איך שטרעב פאר די טאג וואס איך וועל אויך זוכה זיין צו זיין א חלק פון ענק מפיצים! אשריכם ואשרי חלקכם גיבורי החיל!!!



# ברכת מזל טוב

מיר טוען וואונטשן א הערצליכן מזל טוב
פאר אונזער טייערן
איבערגעגעבענעם ידיד

## מו"ה אשר לעווי הי"ו

צום פרייליכן מאמענט ווען דער אייבערשטער האט געהאלפן
אז עס איז אים געבוירן געווארן

## א אינגל למזל טוב

שוין יארן לאנג זינט דער גרינדונג פונעם קרן הדפסה, שטייט ר' אשר כסדר צו אונזער רעכטע האנט מיט אלעם וואס פעלט נאר אויס
און יעצט ווילן מיר אויסנוצן דעם געלעגענהייט אים צו באדאנקען
פאר אלעם וואס ער טוט אונז
בפרט זענען מיר אים מכיר טובה פאר זיין ברייטהארציגקייט מיט דעם וואס ער האט געהאט די זכיה צו זיין דער

## נדבן פונעם חדר הדפסה

אינעם נייעם בנין פון קרן הדפסה

## אשריך ר' אשר

דו האסט די זכיה צו האבן א חלק אין די אלע הייליגע פעולות פונעם קרן הדפסה. דו ביסט א גלייכע שותף אין די אלע ספרים, קונטרסים און סידים וואס ווערן געדרוקט און פארשפרייט פאר טויזנטער און טויזנטער אידן איבער די וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט זען ערליך אידיש נחת פון דעם קינד און אלע קינדער,
זאלסט געבענטשט ווערן מיט בני חיי ומזוני רוויחי,
זאלסט זיי זוכה זיין צו מגדל זיין
לתורה לחופה ולמעשים טובים.

וואונטשן
הנהלת קרן הדפסה היכל הקודש ברסלב



# מעשיות פון תפילה

## אלחנן זויבערמאן - ירושלים:

איך פארמאג א קאר (א מעשה פון תפילה פאר זיך - ווער ס'געדענקט...) און איך בין ב"ה זוכה צו עוסק זיין אין הפצה מיט די קאר, אויך קען איך טון חסד דערמיט, צום ביישפיל, ווען א אינגערמאן דארף דינגען א קאר פארדינג איך אים מיין קאר פאר אסאך ביליגער ווי די גרויסע קאר רענטל'ס בעטן.

ס'איז דא אין יעדע קאר פארשידענע חלקים וואס מ'דארף טוישן פון צייט צו צייט, איינע פון זיי איז א געוויסע שטריק, די שטריק דארף מען טוישן יעדע שטיק צייט ווייל ס'ווערט שנעל אויסגעריבן.

איך האב פארדינגען מיין קאר פאר א חבר מיינס וואס האט געדארפט עפעס ערלעדיגן אין א גאווערמענט אפיס אין תל אביב, און הארט פארן אנקומען צו תל אביב האט זיך די שטריק צוריסן, ער שטעלט זיך אפ און ער רופט מיך אן זאגן אז ס'האט זיך צוריסן, איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון, סתם אזוי קען איך עס געבן פאר די אראבערס נעבן ירושלים זאלן עס פארעכטן פאר זיבעציג שקל, אבער אין תל אביב האב איך נישט קיין אנונג וואו מ'גייט, איינע פון די דורכפארנדע קארס האבן זיך אפגעשטעלט קוקן וואס גייט פאר, אזוי ארייננבליקנדיג רופט ער זיך אן אז ער קען עס פארעכטן, און וויבאלד די קאר איז אונטערוועגנס קאסט עס זיבן הונדערט שקל, אבער ער איז גרייט צו נעמען 'נאר' פונף הונדערט שקל דערפאר... ברענגען א שלעפער טראק זאל אוועק שלעפן די קאר וועט זיין נאך טייערע, וואס טוט מען דא?...

פלוצלינג בליצט אריין אין מיין קאפ: "אלעס וואס דער אייבערשטער טוט, איז זיכער גוט, אפילו ווען ס'זעהט אויס שלעכט, ווייס איך ער איז גערעכט, איך דארף נאר איין זאך זעהן, איך זאל אייביג רעדן צו איהם, איבערשמועסן יעדע זאך, וועט עס ווערן בעסער גלייך"... איך האב גלייך אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיך טרעפן א וועג ארויס פון דא.

ווי נאר איך ענדיג בעטן באקום איך א טעלעפאון רוף פון מיין חבר, און איך זאג אים וואס דא טוט זיך, זאגט ער מיר אז ער האט אויך געהאט די זעלבע פראבלעם מיט זיין קאר, און די אינשורענס קאמפאני האט געשלעפט זיין קאר ביז ירושלים בחנם, איך רוף אן די אינשורענס קאמפאני, און זיי זאגן מיך אז זיי שלעפן מיין קאר ביז ירושלים, פריי פון אפצאל.

## ישראל שלום זעלקאוויטש - קרית ברסלב:

איך האב א דירה וואס איך פארדינג פאר רענט, און די טענענט וואס איז דארט געוואוינט ביז יעצט האט געמופט צו א נייע דירה, און ער האט אריינגערופן די לעקטער קאמפאני אז ער וויל אריבערפירן זיין לעקטער פלאן צו זיין נייע דירה, פאריגע וואך דאנערשטאג - דער ערשטער טאג פון די חודש למספרם האבן זיי אריבערגעפירט זיין לעקטער צו זיין נייע דירה און זיי האבן אפגעהאקט די לעקטער פון די אלטע דירה, און אינעם זעלבן דאנערשטאג האט די נייע טענענט געדארפט אריינמופן, ווען מ'האט זיי גערופן מסביר זיין וואס דא האט פאסירט האבן זיי געזאגט אז זיי וועלן נישט קענען קומען עפענען די לעקטער ביז די אכטער טאג אין חודש, מער ווי א וואך, מ'האט זיך געבעטן ביי די לעקטער קאמפאני אז זיי זאלן קומען שנעלער, ס'איז אינמיטן ווינטער און מ'קען נישט אזוי אנגיין אן לעקטער, אבער פארשטייט זיך אן תפלה האט גארנישט געהאלפן.

איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן אז די משפחה זאל האבן לעקטער, און דער אייבערשטער האט מיך אריינגעשיינט אז אפשר קען איך רופן די הנהלת הקריה, אפשר האבן זיי עפעס קאנעקשאנס מיט די קאמפאני, איך רוף אונזער געטרייער חבר הנהלה ר' מנחם שטיינבערג הי"ו וואס ארבעט אזוי געטריי פאר די

<<<<

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# „מעשיות פון תפילה"



צופרידנהייט פון די שטעטל איינוואוינער, און איך זאג אים די גאנצע מעשה וואס דא גייט פאר, ר' מנחם האט זיך גלייך גענומען צו די עבודה, ער רופט אן איינע פון די הויכראנגיגע פארשוינען פון די טאון אוו ליבערטי, און פארשטייט זיך בשעת מעשה האב איך נישט אויפגעהערט בעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל עפענען די לעקטער ווי אמשנעלסטנס, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז פרייטאג אינדערפרי האט שוין די לעקטער געארבעט אין פולן שוואונג, און די משפחה האט שוין געקענט אריינמופן נאך פאר שבת.

## זלמן וויזל - ארץ ישראל:

מיין ווייב האט פארלוירן א גאלדענע רינגל, און אונז האבן עס געזוכט פאר גאר א לאנגע צייט אבער אן א תפלה גייט גארנישט, פארשטייט זיך אונז האבן אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן ער זאל אונז עפענען די אויגן מיר זאלן שוין טרעפן די רינגל, און שכח אייבערשטער אז נאך אסאך תפלות האבן אונז געטראפן די רינגל אינמיטן שטוב אויף דער ערד.

שכח אייבערשטער.

## יואל טייטלבוים - קרית יואל:

איך האב געהאט א שאלה בנוגע לעקטעריק, איך האב אנגערופן איינער פון אנשי שלומינו וואס איז אן עלעקטעררישן און איך פרעג אים די שאלה, נאך די שאלה איז פארענטפערט געווארן האבן מיר זיך אביסל פארשמועסט, און דער עלעקטערישן דערציילט מיר בדרך אגב, אז ער האט יעצט געמאכט א סיום אויף זוהר, איך טראכט צו מיר: "וואס? א פשוטער עלעקטערישן אנגעטון מיט די ארבעטס קליידער מאכט א סיום אויף גאנץ זוהר הקדוש?! איך מוז זאגן פאר זיין טאטע, א נאנטער ידיד מיינער, לאמיך אים אנרופן ברענגען אביסל נחת פון זיין לעכטיגער זון וואס איז נעבעך פארכאפט געווארן צווישן די שוואכע"... אבער, פארשטייט זיך - כדרכי בקודש - האב איך פארגעסן, ס'איז מיר פשוט ארויס פון קאפ.

שפעטער אין טאג דערמאן איך מיך אז עפעס האב איך געפלאנט צו טון, איינעם אנרופן איבערצוגעבן א שיינע גרוס, אבער איך קען מיך נישט דערמאנען וואס, איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיך דערמאנען וואס איך האב געוואלט טון, און דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף מיך און איך האב "פונקט" באמערקט א תיקוני זוהר, און איך האב מיך גלייך דערמאנט פון דעם עלעקטערישן.

שכח אייבערשטער אז איך האב מיך דערמאנט צו רופן דעם טאטן, איבערצוגעבן א גרוס פון זיין זון פון היכל הקודש.

## בנציון יאקאבאוויטש קרית ברסלב:

איך בין געווען אין "די לאונטש" צו אויספילן פאפירן פאר די שטאט און עס אריינשיקן צו זיי, איך האב געדארפט האבן א פען צו קענען אינטערשרייבן אויפן צעטל אבער איך האב נישט געהאט מיט מיר קיין פען, איך האב ארומגעזוכט אין דעם גאנצן פלאץ אבער איך האב נישט געקענט געפונען, ביז איך האב מיר געכאפט אז איך האב נאכנישט געבעטן דעם אייבערשטן, האב איך געבעטן "הייליגער באשעפער העלף מיר איך זאל טרעפן א פען צו קענען אינטערשרייבן דעם צעטל" איך האב נאכאמאל געזוכט און פלוצלינג האב איך געטראפן אין די זייט ליגן א פען ממש אנגעגרייט פאר מיר.

שכח אייבערשטער פאר די ניסים וואס דו טוסט מיט מיר יעדן טאג

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**
שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, שְׁנַת תשע"ה לפ"ק**

לְכָבוֹד מֵיין טַייעֶרע לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ הַנָאָה צוּ זֶען אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הֶענְט אַרֵיין; דוּ קוּמְסְט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, אוּן דוּ זִיצְט אוּן לֶערְנְסְט. נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן תּוֹרָה הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן מַאכְט רַייךְ אוּן גְלִיקְלִיךְ.

וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר זֶענֶען אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ בַּיי מוֹהֲרַא"שׁ וָואס אִיז אוּנְז מְעוֹרֵר אוּן וֶועקְט אוּנְז אוֹיף כְּסֵדֶר, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז דֶער עִיקָר אִיז תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת ה'.

שְׁטַארְק דִיךְ ... אוּן יֶעצְט חֲנוּכָּה צִינְד אָן דִי מְנוֹרָה אוּן זֶעץ דִיךְ קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט, אוּן גִיס דִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ. דַאנְק דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אַלֶע אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע נִיסִים וָואס מִיט דִיר הָאט פַּאסִירְט, אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אַזוֹי שֵׁיין, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם פַּרְנָסָה הָאסְטוּ אוֹיךְ, אוּן בַּאלְד בִּיסְטוּ שׁוֹין אַ טַאטֶע'לֶע, שְׁמוּעֶס מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, זִינְג אוּן טַאנְץ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט **אַז חֲנוּכָּה אִיז טֶעג פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן** (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ב).

אוֹיךְ זֶע צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן אַלֶע דְרֵיי תְּפִלּוֹת, אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער, וַוייל **מִנְיָן בְּרֶענְגְט אַ דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן - פַּרְנָסָה**, וּבִזְכוּת דַאוֶונֶען וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

* * *

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, שְׁנַת תשע"ה לפ"ק**

לְכָבוֹד מֵיין טַייעֶרע לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

דִי אִינְגֶעלַייט זָאגְן מִיר כְּסֵדֶר אַז זֵיי זֶענֶען זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה מִיט דַיין שִׁיעוּר גְּמָרָא וָואס דוּ לֶערְנְסְט פָאר יֶעדֶע נַאכְט. דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ פָארְלֶערְנֶען תּוֹרָה, לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת. אוּן אִיךְ הָאבּ הַנָאָה כְּסֵדֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר נָאךְ אַ סִיוּם אוּן נָאךְ אַ סִיוּם, אַז דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה, וַוייל נָאר תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוּן גְלִיקְלִיךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעלְט אִיז עֶר אַן אָרֶעמַאן, אָבֶּער **וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ מִתּוֹךְ הַדְּחַק - עֶר אִיז רַייךְ.**

... טַייעֶרער, יֶעצְט חֲנוּכָּה וֶוען דוּ צִינְדְסְט דִי מְנוֹרָה, זֶעץ דִיךְ אַוֶועק קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן שְׁמוּעֶס מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער פָּנִים בְּפָנִים, אַה! אַ מְחַיֶּה וִוי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אָפְּלֶעבְּן אַ זִיס לֶעבְּן אוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל וִויסְן דֶערְפוּן.

קוּק צוּ וָואס דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען אִין אַזַא הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, וואוּ **דִי פָּשׁוּט'סְטֶער אִיד אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.**

מַאךְ פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּב; מֶען דַארְף זַיין אוֹיבְן, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זַיין אוּ נְטְן, פוּן אֵיין זַייט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן בְּרֶענְגֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט הֶעלְפְן דִי וַוייבּ מִיט דִי וִוירְטְשַׁאפְט אוּן זַיין דָא וְכוּ'.

**פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס שְׁטָאלְצִירְט מִיט אַזַא תַּלְמִיד וִוי דִיר.**



# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א

### מתנות פון מוהרא"ש

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "איך קום מיין גאנצע לעבן פאר מוהרא"ש, מוהרא"ש האט זיך מוסר נפש געווען פאר מיר אז איך זאל קענען טראכטן פונעם אייבערשטן, רעדן צום אייבערשטן, איבערבעטן דעם אייבערשטן, דאנקען דעם אייבערשטן, מוהרא"ש האט אריינגעברענגט אין אונז השגות פון צדיקים משנים קדמוניות, א מענטש קען גיין אין גאס אבער זיין קאפ איז נישטא, ער רעדט צום אייבערשטן, א מענטש קען זיין אינדערהיים און די גאנצע שטוב איז אנגעצויגן אבער ער רעדט צום אייבערשטן, דאס איז דאך אזא מתנה פון מוהרא"ש. און איך בעט דעם אייבערשטן יעדן טאג אז איך זאל געדענקען ווער ס'האט מיך געברענגט צום אייבערשטן.

### שייכות מיט מוהרא"ש

וואס איז געווען מיין גאנצע שייכות מיט מוהרא"ש? איך האב נישט עפעס געשמועסט מיט מוהרא"ש לאנגע שעות, איך האב קוים גערעדט צו מוהרא"ש, אינמיטן די וואך האט מען אפילו נישט געקענט קומען צו מוהרא"ש, די בית המדרש איז געווען פארשפארט די גאנצע וואך, מוהרא"ש האט געהאט זיינע בחורים פון ישיבה פאר מנין און נאך אפאר גבאים, דאנערשטאג נאכט איז געווען א שיעור, און אנפאנג איז נאך געווען א קליינער עולם, מ'האט צאם גערוקט צוויי טישן און ס'איז געזעצן פיר מענטשן אויף איין זייט און פיר מענטשן אויף די צווייטע זייט, אינמיטן די שיעור זענען אנגעקומען נאך צוויי, דריי מענטשן וואס זענען געשטאנען ביי די בימה, און נאך די שיעור האט מען געקענט אריינגיין צו מוהרא"ש אין אפיס אפאר מינוט, און שוין, דאס איז געווען מיין גאנצע קשר מיט מוהרא"ש, איך האב געלערנט די ספרים פון מוהרא"ש און געפאלגט וואס שטייט דארט.



# א מַעֲשֶׂה פון א צַדִיק

## שָׁלוֹם בַּיִת בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן חַתַ"ם סוֹפָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן אֵיינְמָאל צוּ אַ מֶרְחָץ וֶועגְן זַיין גֶעזוּנְט אִין דֶעם פְּלַאץ וִוי עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁוֶועבְל וַואסֶער וָואס עֶס אִיז אַ רְפוּאָה, מֶען הָאט גֶעפּוֹעלְט פַאר אִים אַז עֶר זָאל זַיין בַּיינַאכְט וֶוען קֵיינֶער אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא, עֶר הָאט גֶעוָואלְט דָארְטְן זַיין אַלֵיין.

דָארְט אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן, אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אַרַיין הָאט זִיךְ פַארְשְׁלָאסְן אוֹיף אִים דִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס, דֶערְוַוייל אִיז דִי גַאנְצֶע צִימֶער פוּל גֶעוָוארְן מִיט פַּארֶע פוּן דִי הִיץ וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר גֵייט דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ מִשְׁפָּטְ'ן, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזַא מִיתָה מְשׁוּנָה פוּן חֶנֶק?

בִּיז עֶס אִיז אַיינְגֶעפַאלְן אַז דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קה:)

**כָּל הַמִּתְעַצֵל בְּהֶסְפֵּידוֹ שֶׁל חָכָם אֵינוֹ מַאֲרִיךְ יָמִים**, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דֶעמָאלְטְס נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי דָוִד דַייטְשׁ זַ"ל, אוּן עֶר הָאט אִים נִישְׁט מַסְפִּיד גֶעוֶוען, הָאט עֶר צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דָאס מוּז זַיין דִי סִיבָּה פוּן זַיין מַצָב, אוּן עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט אִים מַסְפִּיד זַיין גְלַייךְ וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין.

אוּן וואוּנְדֶער אוֹיף וואוּנְדֶער אִיז גֶעשֶׁען אַז דִי שְׁוֶוערֶע טִירְן הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין גֶעעֶפְנְט אוּן אַזוֹי אִיז עֶר נִיצוֹל גֶעוָוארְן אוּן הָאט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין.

עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעלָאזְט צֶעזַאם רוּפְן אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין מֶרְחָץ אוּן הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע הֶסְפֵּד.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ.

(אשר בנחל אידיש חלק א' מכתב ט')



# דעם הייליגן רבינ׳ס לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |



- י״ב -

**פארזעצונג פון פריער:** דער רבי פלעגט אסאך רעדן פון דעם אז ביים לערנען דארף מען נאר זאגן די ווערטער אין די רייע, און מ׳וועט שוין ממילא פארשטיין. ווען א מענטש וויל גלייך פארשטיין קלאר אלעס וואס ער לערנט, ער וועט נישט גיין ווייטער ביז ער פארשטייט דעם שטיקל, דאן וועט ער געווענליך בלייבן מיט גארנישט, ער וועט ווערן איינגאנצן צעמישט און בכלל גארנישט פארשטיין. מ׳דארף נאר אריינלייגן דעם קאפ און מח אין דעם וואס מ׳לערנט, און פשוט זאגן די ווערטער, און אזוי וועט מען שוין ממילא אלעס פארשטיין.

***

איינמאל האט דער רבי אויסגערעכנט וואס א מענטש דארף אלץ לערנען יעדן טאג, אזוי סאך אז ס׳איז אפילו נישטא גענוג צייט אין טאג פאר דעם. ער האט אויסגערעכנט אז מ׳דארף ענדיגן יעדעס יאר גאנץ ש״ס מיט׳ן רי״ף און רא״ש, ד׳ חלקי שלחן ערוך מיט אלע מפורשים, אלע מדרשים און אלע ספרי הזוהר און תקונים און זהר חדש, אלע ספרי קבלה פון אריז״ל, און אויסער דעם דארף מען אויך האבן א שטיקל שיעור יעדן טאג צו לערנען אביסל בעיון, און אזוי ווייטער האט ער אויסגערעכנט נאך פילע זאכן וואס מ׳דארף אלץ לערנען. ווי אויך דארף מען זאגן תהלים יעדן טאג, מיט אסאך תחנות און בקשות זיך אויסצורעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך.

דעמאלט האט דער רבי נאכאמאל גערעדט פון דעם אז מ׳דארף לערנען זייער שנעל מיט זריזות, און זיך נישט מבלבל זיין מיט דקדוקים פון איין פלאץ צום צווייטן.

און ווי ס׳שטעלט זיך ארויס איז דאס בדוק ומנסה, ווען א איד לערנט אויף דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי׳ן, איז ער גאר שטארק מצליח אין לערנען.

אויך האט דער רבי נישט געהאלטן אז מ׳זאל גלייך איבער׳חזר׳ן וואס מ׳האט געלערנט, נאר מ׳זאל אלעמאל גיין אין א סדר, אנהויבן דעם ספר פון אנהויב און גיין אין די רייע ווייטער און ווייטער ביז מ׳ענדיגט דעם גאנצן ספר, און ערשט דאן זאל מען אנהויבן נאכאמאל דעם ספר פון אנהויב און ענדיגן די גאנצע, און אזוי ווייטער נאכאמאל און נאכאמאל.

דער רבי האט געזאגט אז מ׳זאל נישט ווערן דערשראקן פון דעם וואס ער הייסט לערנען אזויפיל יעדן טאג, ווייל אפילו ווען א איד איז נישט זוכה צו לערנען אזוי סאך, קען ער נאכאלץ זיין אן ערליכער איד און דינען דעם אייבערשטן.

אפילו א איד וואס קען גארנישט לערנען, קען זיך אויך שטארקן און זיין אן ערליכער איד, ער קען אפילו זיין א צדיק, נאר א בעל השגה קען מען נישט ווערן נאר אויב מ׳איז א למדן, מ׳קען לערנען גמרא רש״י תוספות.


בעזרת השם יתברך
קונטרס
אַ וועג צו לערנען
אַ גרינגע זיסע סדר און מהלך ווי אזוי יעדער מענטש, אין וואסערע מצב ער זאל נאר זיין,
קען ענדיגן כל התורה כולה אסאך מאל,
און ווערן אַ גרויסער מתמיד און תלמיד חכם.
וואס דער גרויסער הייליגער רבי
מורנו ורבינו הרב רבי נחמן מברסלב
זכותו יגן עלינו
האט אונז אויסגעלערנט
איבער געטייטשט פון דעם קונטרס
"סדר דרך הלימוד"
געשריבן דורך
הרב הגאון הצדיק, חסידא ופרישא,
עמוד האמונה, מנורה הטהורה,
המגלה והמפרסם אמתת מציאותו יתברך לכל העולם כלו
מרן מוהרא״ש זכותו יגן עלינו
ארויסגעגעבן בעזהש״ת
דורך חסידי ברסלב - ניו יארק יצ״ו

א איד דארף זיך שטארקן צו דינען דעם אייבערשטן ווי אזוי און וויפיל ער קען, אזוי ווי די משנה זאגט אין אבות (ב׳, כ״א) "לא עליך המלאכה לגמור, ואי אתה בן חורין להבטל ממנה", א מענטש דארפן פרובירן דאס מערסטע וואס ער קען, און די איבריגע איז שוין נישט זיין פליכט.

דער רבי האט דערציילט אז ער האט דורכגעלערנט ד׳ חלקי שלחן ערוך דריי מאל, די ערשטע מאל האט ער עס געלערנט פשוט׳ערהייט, די צווייטע מאל האט ער עס געלערנט מער בעיון און ער האט געוואוסט יעדע הלכה אין שלחן ערוך דער מקור דערויף אין גמרא רש״י תוספות, און ווען ער האט געלערנט צום דריטן מאל האט ער שוין זוכה געווען צו וויסן יעדע הלכה דער סוד דערפון, פארוואס דער דין איז אזוי על פי סוד.

לויט ווי מ׳פארשטייט איז דאס געווען נאך אין זיינע יונגע יארן, ווייל שפעטער האט ער גע׳חזר׳ט און געענדיגט שלחן ערוך נאך פילע מאל.

פארזעצונג קומט אם ירצה השם
**גענומען פון ספר "פעלת הצדיק"**

# נקודות טובות

געהערט פון אנשי שלומינו

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

### מנחם שטיינבערג - קרית ברסלב איז מחדש:

מ'האט געלערנט פאריגע וואך אינעם דף גמרא (נדרים מא:) די גרויסקייט פון ביקור חולים, און נאכדעם לייגט די גמרא צו אז מ'זאל נישט גיין מבקר חולה זיין איינער וואס האט 'מחושי הראש' - קאפ ווייטאג. פרעגט די גמרא פארוואס זאל מען נישט מבקר חולה זיין איינער וואס האט קאפ ווייטאג? ענטפערט די גמרא 'דיבורא קשיא', די רעדן שטערט.

האב איך געטראכט א פשט אז מ'קען אפלערנען די גמרא אויף גאנץ אן אנדערע וועג. די גמרא רעדט בכלל נישט פון איינער וואס שפירט זיך נישט גוט בגשמיות, מ'רעדט פון איינער וואס שפירט זיך נישט גוט ברוחניות, ער וויל זיין אן ערליכער איד אבער ס'גייט אים נישט, דעמאלטס איז זייער א גרויסע מצוה אים מבקר חולה זיין - מחזק זיין, אבער אויב האט ער קאפ ווייטאג - ער האט קשיות אויף די אמונה, אדער קשיות אויף צדיקים רחמנא לצלן, דעמאלט טאר מען נישט אריינגיין אין א וויכוח מיט אים, ווייל 'דיבורא קשיא', נאכדעם וועט ער דיך אויך אוועקנעמען פונעם אייבערשטן חס ושלום.

### יואל משה מייזעלס - וויליאמסבורג געבט איבער:

דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכגעזאגט ביים שיעור ליל שישי א מורא'דיגע רש"י, עס שטייט 'בזמן שהצדיק בעיר הוא זיוה הוא הדרה, יצא משם פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה'. ווען מען איז ביי א צדיק איז דא אלעס ווען מען גייט אוועק פון א צדיק פאלט אוועק אלעס.

מען קען דאס אריינטייטשן אינעם דף ירושלמי (ירושלמי ברכות כ:), די גמרא רעדט זיך ווי אזוי מען האט מספיד געווען צדיקים, און אינמיטן דערציילט די גמרא ווי אזוי רבי כהנא איז אוועקגעגאנגען פון זיין רבי. און אונז ווייסן אז געווענטליך רעדט די גמרא פון א נושא און פארט אריין און א אנדערע מעשה אינעם זעלבע נושא, איז ווי קומט דא אריין אוועק גיין פון א רבי אינמיטן ווען מען רעדט ווי אזוי מען דארף מספיד זיין צדיקים וואס זענען אוועק פון דער וועלט?

נאר פשט איז אז ווען מען גייט אוועק פון א רבי איז אזוי ווי מען גייט אוועק פון די וועלט, מען האט מער נישט קיין לעבן, אזוי ווי עס שטייט אין רש"י אז ווען דער צדיק גייט אוועק איז 'פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה'.

### מנשה איצקאוויטש - בארא פארק דערציילט:

ברוך השם איך האב די זכי' פארצולערנען יעדן טאג דעם דף גמרא אינעם בארא פארקער היכל הקודש שול, און נאכן דף לערנט מען א שטיקל פון ספר המדות. ביי איין שטיקל שטייט אין ספר המדות: "הולך בשוק ונופל סימן שהוא גדלן". האט המפיץ ר' שמוליק בלעדי אריינגעטייטש אז "הולך לשיק" (צו מוהרא"ש) א מענטש ווערט מקורב צו מוהרא"ש, און נאכדעם "ונופל" ער פאלט אוועק, איז א סימן אז ער איז א בעל גאווה.

### שלמה אפעלדארפער - מאנסי:

אזוי ווי איך האב ברוך השם לעצטענס חתונה געהאט, און זיך געצויגן פון קרית יואל ווי מיינע עלטערן

# נקודות טובות

וואוינען - קיין מאנסי, פיל איך כסדר דער חילוק פון אמאל וואס איך בין געווען א גאנצע וואך מיט בחורים פון ישיבה און שבת מיט אנשי שלומינו, און יעצט האב איך עס נישט.

שבת פרשת ויצא בין איך געווען אינאיינעם מיטן ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל און עס האט מיך זייער געכאפט וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט מוצאי שבת ביי מלוה מלכה  אז מען קען וואוינען אין שטעטל און גארנישט האבן מיט ברסלב און מען קען וואוינען איבעראל און פלאקערן פארן רבי'ן, לערנען פלייסיג משניות, גיין הפצה און אזוי ווייטער.

איי איך האב שוין געהערט ווי דער ראש ישיבה זאגט די ווערטער א שיינע פאר מאל, אבער איך האב געמיינט אז דער ראש ישיבה זאגט דאס צו מאכן גוט שפירן די אידן וואס וואוינען נישט אין שטעטל, אבער איך האב מיך אויסגעלערנט אז ווען דער ראש ישיבה זאגט עפעס דארף מען דאס אננעמען בתמימות ובפשיטות, אפילו עס קוקט אויס ווי דער ראש ישיבה מיינט נאר צו זאגן פאר דעם אדער מרמז זיין פאר א צווייטן עפעס אנדערש און אזוי ווייטער.

## נחמן נתן קרויס - קרית ברסלב:

לעצטענס האט מיר מיין זון - וואס האט אנגעהויבן יעצט לערנען נקודות - מיך געפרעגט פארוואס מען זאגט ארויס די ווערטער "עצתו אמונה" אנדערש ווי עס שטייט אויפן דעקל. האב איך אים מסביר געווען דער חילוק ווי אזוי מיר רעדן און ווי אזוי מען שרייבט זאכן אויפן פאפיר מיט נקודות.

די קשיא האט אבער אנגעהויבן מאנען עפעס מער פון מיר, און איך האב זיך געכאפט אז ממש דאס איז עצתו אמונה! עס איז דא די וועלט אזוי ווי עס שטייט און גייט, און עס איז דא די וועג ווי אזוי תלמידי היכל הקודש פירן זיך אין לעבן, די וואס לערנען עצתו אמונה.

סתם אזוי כאפן זיך מענטשן ניטאמאל ווי אזוי זאכן קומען און גייען און די לעבן פארט אדורך גאר שנעל, אבער אז מען לערנט "עצתו אמונה" הייבט מען אן זען אז אלעס אין לעבן איז טיפער און מיט א טיפערע בליק, דער באשעפער פירט די גאנצע וועלט.

## אינגערמאן פון קרית יואל:

דער ראש ישיבה רעדט כסדר אז מען קען נישט איבערבעטן א ווייב נאכדעם וואס מען שרייט עפעס א שלעכט ווארט אויף איר.

לערנענדיג גמרא האב איך האב געטראפן דארט א רמז אויף דעם, די גמרא זאגט "המוציא שם רע על אשתו לא יחזיר." אז דו רעדסט א שלעכט ווארט אויף דיין ווייב קען מען דאס נישט פאררעכטן, עס בלייבט שוין אין קאפ, מען פארגעסט עס נישט אזוי שנעל.

## בערל שניטצלער -קרית ברסלב:

ביים באטע פרשת ויצא אין שטעטל האט דער ראש ישיבה נאכגעזאגט א מורא'דיגע גמרא.

דער גמרא פארציילט אז רבי עקיבא איז אהיימגעקומען צו זיין ווייב נאכן לערנען 24 יאר האט ער איר געקויפט א ירושלים של זהב (זייער א טייערע צירונג), און ווען רבי גמליאל'ס ווייב האט געזען אז רבי עקיבא'ס ווייב האט דאס באקומען האט זי געפרעגט רבי גמליאל פארוואס ער קויפט איר נישט אזא טייערע צירונג? האט ער איר געענטפערט אז רבי עקיבא'ס ווייב האט נישט געהאט קיין עסן און זי פלעגט גיין זוכן צווישן די מיסט פאר עסן און דו האסט נישט געהאט די מסירת נפש.

האט דער ראש ישיבה געפרעגט ווי אזוי לערנען ברסלב'ע חסידים די מעשה? אז רבי גמליאל האט געזאגט פאר זיין ווייב לאמיר דאנקען דעם אייבערשטן אז אונז האבן נישט מיטגעמאכט דאס וואס רבי עקיבא'ס ווייב האט מיטגעמאכט, וועגן דעם דארף זי באקומען אזא טייערע מתנה, אבער אונז האבן דאס נישט מיטגעמאכט, במילא דארפסטו נישט באקומען די מתנה.

# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*







LOUNGE
computer + comfort

**BROWSE** AND **RELAX.**
INDULGE,
WITH OUR
**DRINKS** AND **SNACKS.**

462 Twin Bridge Rd, Ferndale, NY 12734
347 525 5681

**מיר ווילן הערן אייער מיינונג אויב עס איז וויכטיג צו האבן א קאליר פינטער אינעם לאונטש.**
**לאזט אונז וויסן דורך שיקן א טעקסט צו**
**347–525–5681**

## קרית ברסלב ספרים סטאר

51Twin Bridge Liberty NY 12754

*מיר זענען גרייט מיט אלע חנוכה אייטעמס, פאר די גאנצע משפחה, פון גרויס ביז קליין. מנורות arts & crafts און דאס גלייכן.*

347-578-4449



# DELICHIOS FISH

320 Twin Bridge Rd Ferndale NY 12734

## שכח אייבערשטער

מיר זענען גרייט פאר אייך מיט א געשמאקע
אויסוואל פון פיש לכבוד שבת קודש און פאר
אלע אייערע שמחות און אווענטס, עס לוינט זיך
א טריפ פון איבעראל.

יעצט לכבוד חנוכה קומט אריבער קויפן אייער
ארדער לכבוד יום טוב.

בהשגחת דומ"ץ דקהלתינו שליט"א

אפען מיטוואך און דאנערשטאג 5-10, פרייטאג 1-10

איר קענט ארייינרופן פאר אייער ארדער א גאנצע
וואך און מיר וועלן עס דעליווערן צו אייער טיר.

אייער פריינד

יצחק אהרן וויינבערג

845-747-0093

# ווער זענען זיי?



## קענט איר אויסגעפונען
## ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך.




קידוש לבנה מוצאי שבת התוועדות אין לעיק האוז האטעל
די צווייטע יאר ישיבה שנת תש"ע

1. העניך אינדיג
2. יודי פאפלאנאַש
3. מנהל שליט"א
4. ראש ישיבה שליט"א
5. מרדכי אהרן היילפרין
6. שלום פאלמאן
7. מאטי ראזינגער
8. יחזקאל סאמעט

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל**

## קינדער אפטיילונג

# א פריילעכן חנוכה



טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער

## חידות — סודאקא

# טרעף

## די פאלגנדע ווארט 10 מאל

# חנוכה

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ע | ג | ק | ת | ב | כ | ד | מ | א | ע | מ | כ | ד | ק | ח | נ | ו | כ | ה | צ | ש | ת | ד |
| ס | ח | ה | ט | ל | פ | כ | ק | ט | ח | ד | ו | ה | ד | צ | ח | ק | ח | ת | צ | פ | ל | ו |
| מ | מ | כ | ל | ח | נ | ו | ק | ח | נ | ע | ד | מ | מ | ח | ט | ס | ה | כ | ו | נ | ח | ג |
| ס | כ | ו | נ | נ | פ | י | ת | ר | ו | י | נ | א | י | נ | ח | נ | ו | כ | ה | י | ה | ס |
| ב | ח | נ | צ | ו | ה | א | ק | ג | כ | ד | נ | א | ס | ו | פ | נ | ח | נ | ו | כ | ה | ג |
| צ | נ | ח | ע | כ | כ | ת | י | כ | ה | צ | ו | ש | ח | כ | ג | כ | ז | נ | ו | נ | ח | ת |
| ה | נ | ר | ג | ה | מ | צ | ש | ה | ר | פ | ה | נ | כ | ה | ס | ר | כ | נ | ה | ט | ח | כ |
| כ | י | צ | כ | ז | ט | ב | כ | נ | ד | ק | ו | כ | ד | ו | ד | א | ח | כ | ב | ר | נ | ג |
| ו | פ | ו | ל | כ | ב | ח | י | ח | ז | כ | י | ה | ג | ג | כ | ש | ו | ח | ק | ר | ו | כ |
| נ | נ | ק | צ | ב | ט | ב | נ | ק | ה | נ | א | צ | כ | צ | כ | נ | ט | א | ש | ע | כ | נ |
| ח | נ | ו | כ | ה | ח | ר | פ | ו | ט | ט | פ | ז | ט | ו | ח | ח | ב | ק | ו | ג | ה | ו |
| פ | ה | ק | ר | ה | כ | ו | נ | ח | כ | ח | נ | ו | כ | ה | נ | ל | ט | ו | ט | פ | ב | כ |
| ה | א | ל | מ | ח | פ | י | ב | צ | צ | ה | ת | ה | כ | ב | פ | ח | ש | ז | נ | פ | ל | צ |







העלף נחמן נתן
אנקומען צום דאונאט
און מאכן א ערליכע
ברכה

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

פייגי אינדיג תחי' פון וויליאמסבורג פארציילט:




# נאך וועם הייס איך?

**איך הייס:** אדל קעניג תחי' – צפת

**נאך:** די טאכטער פונעם הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו

## אביסל איבער איר

דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט זייער אויסגעליבט זיין טאכטער אדל, מען האט אים געפרעגט פארוואס אדל איז אזוי חשוב ביי אים, האט דער הייליגער בעל שם טוב געענטפערט אז די צדיקת אדל הערט נישט אויף טראכטן איין זאך: "ווי אזוי קען איך מאכן א נחת רוח פארן אייבערשטן".

איך האף צום אייבערשטן אז איך וועל אויך אויסוואקסן א גרויסע צדיקת אזוי ווי די צדיקת אדל, און איך האף אויך צו טראכן א גאנצן טאג: "ווי אזוי קען איך מאכן א נחת רוח פארן אייבערשטן".



**אויפן בילד:** "ציון הבעל שם טוב הקדוש זי"ע אין מעזיבוז"




# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**נ. הַשֶּׁקֶר אֵינוֹ אֶלָּא בְּפִיו, אֲבָל לֹא בִּכְתָב.**

**טייטש.** לִיגְנְט אִיז נָאר בַּיים רֶעדְן מִיטְ'ן מוֹיל, נִישְׁט בַּיים שְׁרַייבְּן.

# חידות



אפטיילונג

**חידה: די הייליגע חכמים זאגן: די וועלט שטייט נאר אויף**

א. די תורה פון קינדער

ב. חסד פון אידישע קינדער

ג. די מצוות וואס אידן טוען

ד. די מצוה פון כיבוד אב ואם

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: **די הייליגע חכמים זאגן: דער אייבערשטער זאגט, אויב זענט איר מכבד די עלטערן - איז דאס אזוי ווי..**

ענטפער: איר זענט מיך מכבד

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז

**פייגי אינדיג תחי' - וויליאמסבורג**

שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 6 | | | | 2 | 1 |
| | | 3 | | | |
| | | | | | |
| 2 | | | 6 | 4 | |
| | | 4 | | 1 | |
| | | | 5 | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 2 | | 4 | | 6 | | |
| 4 | | 6 | 1 | | 7 | 3 | | 2 |
| | 5 | 7 | | 6 | | 4 | 1 | |
| | 4 | | 3 | | 8 | | 2 | |
| | 2 | 8 | 6 | | 9 | 5 | 3 | |
| 6 | | 9 | | | | 1 | | 7 |
| 1 | | 4 | | 8 | | 7 | | 3 |
| | | | 5 | | 4 | | | |
| 8 | | | | 3 | | | | 9 |









# טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת וישלח?

## פון אויבן אראפ.

1. מען דארף זיך ביים דאווענען צובינדן צו די _____ הדור
3. שמחה געבט כח פאר'ן גוף זיך צו קענען _____ מיט אלע מחלות
4. אנשטאט _____, דארף מען דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן
5. דער אייבערשטער פארשטייט אלע _____
6. ווען מען בעט דעם אייבערשטן מאכט מען א _____ אויף די וועלט
8. צום אייבערשטן קען מען _____ רעדן
9. קוקט אויפן הימל און זאגט, ש'כח _____ פאר מיינע קינדער, פאר מיין לעבן
12. משניות רייניגט די מענטש פון אלע _____
15. נאר דורך לערנען _____, קען מען זיין אפגעהיטן פון שווערע נסיונות
16. משיח צדקינו וועט קומען בזכות די הייליגע ארגעניזעישנס פון _____

## פון רעכטס צו לינקס.

2. איך בלייב _____ זיין דעם רבי'ן
5. יעדן איינעם פרובירט מען אויס, וואויל איז דעם וואס _____ זיך
7. מאך זיך א _____ אין ששה סדרי משנה
10. מען דארף נאר דאנקן און _____ דעם אייבערשטן, נאר דאס ברענגט ישועות
11. לערן יעדן טאג דעם _____ גמרא
13. עס לוינט זיך אפילו נאכאמאל אראפקומען אין א _____, אבי צו זיין ביים רבי'ן
14. עס וועט דיר גארנישט בלייבן, נאר דאס ביסל _____ און דאווענען
16. געב זיך אכטונג צו האבן נאר ערליכע _____
17. גיי זיך מתבודד זיין, _____ מיט'ן אייבערשטן אין דיין שפראך
18. בפרט ערב שבת קודש, דעמאלט זוכט דער _____ צו מאכן מחלוקת אין שטוב



### די ענטפערס פון פאריגע וואך





# העלף נחמן נתן
# נעמען די דריידלעך
# פאר חנוכה!





# בילדער
## אפטיילונג




שיעור ליל ששי פרשת וישלח אין לעיקוואד




עצתו אמונה פארברענג אין היכל הקודש קרית יואל דינסטאג וישלח




מען כאפט א טענצל נאכן פארברענג







חתונה פון החתן תלמיד הישיבה ישראל מאיר קראסניאנסקי נרו יאיר אין ירושלים - מיטוואך וישלח







מען גרייט צו די ברסלב׳ע מצה בעקעריי אין שטעטל




די כיתה ט׳ תלמידים פון שטעטל לערנען פלייסיג אין די פארטאגס שעה׳ן פארן גיין אין חדר לערנען




בית הדפוס אין ארץ ישראל דערגרייכט צו 2 מיליאן קאפיס




לחיים פון החתן תלמיד הישיבה בנימין נרו יאיר בן מו״ה דוד ווילדי הי״ו




תנאים פון החתן תלמיד הישיבה בנימין נרו יאיר בן מו״ה דוד ווילדי הי״ו - מוצאי שבת וישלח







טאנץ מיט אמונה גרייט פאר יום טוב חנוכה







חתונה אין ישיבה פון החתן דוד פוקס הי"ו אין ישיבה
זונטאג וישב




ביים פארברענען די חלה פון העניך'ס דיפס




קינדער אין שטעטל טאנצן פרייליך אין די שניי - א' וישב







לחיים פון החתן שלום נ"י בן מו"ה משה ארי' שניצלער
הי"ו עב"ג מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו - א' וישב

# הקריה מודעה

מיר ווילן לאזן וויסן אלע חשובע אנשי שלומינו אז גאר בקרוב ווען שוין די ערשטע פאר משפחות פונעם נייעם געגנט אין שטעטל זיך אריבערציען בשעה טובה ומצלחת.

אין די געלעגענהייט ווילן מיר מודיע זיין פאר די וואס ווילן קויפן א דירה אין שטעטל, זאלן זען אנגרייטן די סכום וואס די הנהלה האט אוועקגעשטעלט וואס מיט דעם קען מען האבן א זכות צו קויפן א דירה, און עס איבערגעבן פאר מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו חבר הנהלה.

די פרייז פאר א דירה אין שטעטל איז פופצן טויזנט דאלער, אינעם נייעם געגנט איז דא ביזדערווייל א הנחה פון פינף טויזנט דאלער ביז קומענדיגן יום טוב פסח.

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראסמער**

בעזרת השם יתברך

# להודות ולהלל

חנוכת הבית תלמוד תורה
מוצאי שבת חנוכה תשפ״ג

## מיט גרויס פרייד ווילן מיר איינלאדענען
## אלע משפחות אנשי שלומינו

צום

# מלוה מלכה

## מוצאי שבת חנוכה

להודות ולהלל - צו דאנקן
דעם באשעפער
אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן,
צוזאמען מיט א גרויסארטיגן

# חנוכת הבית

פארן נייעם בנין התלמוד תורה
אין קרית ברסלב ליבערטי

**בהשתתפות הראש ישיבה שליט"א**

## די מסיבה ווערט פארקומען
## אינעם ערשטן בנין התלמוד תורה

39 טשעסנאט ליבערטי ניו יארק



# האלט אייך געשפאנט

מעמד

# סעודת ראש חודש

מיט ד׳ ראש ישיבה

כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט״א

אלץ הכרת הטוב פאר מנדב זיין
פאנטאסטישע סכומים לטובת כוללינו